STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05082

DER BOBES MATONE

Volodymyr Kyrylovych Vynnychenko

Permanent preservation of this book was made possible
by Michael & Carol Reiff
in honor of
Simon & Zoe Reiff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שול- און פּיאָנערן- ביבליאָטעק

ו. ווינִיטשענקאָ

דער באָבעס מאטאָנע

יידיש—דינע ליבקיס

№ 33

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג
„קולטור-ליגע"
קיעוו—1929

B 2794

מעלוכע - טרעסט „קיעור־דרוק",
4־טע דרוק., וואָראָווסקע גאַס 42.
באַשט. 4109. געדרוקט 3000.
אָקרליט (968) 152.

I

פונקט אַפן גרינעם יאָנטעוו איז פון דאָרף געקומען צו גאַסט די באָבוניו.

פון איר האָט געשמעקט מיט קאָרן־ברויט, מיט גראָבן לײַוונט און נאָך מיט עפּעס אַזעלעכס, וואָס וואַסקע האָט זיך ניט געקענט דערמאַנען. דער באַבעס קאָפּ איז געווען פאַרוויקלט מיט אַ גרויסער וואַרעמער שאַל, כאָטש אין דרויסן האָבן זיך די שפּערעלעך געבאָדן אין שוויס. פון אונטער דעם שרעקלעך גרויסן טיכל האָט אַרויסגעקוקט אַ קליין צעקנייטשט פּענימל, ווי אַ געבאַקטע קאַרטאָפּל, ביז גאָר־גאָר אַ גוטס.

ווען די באַבע האָט זיך מיט איטלעכן צעקושט, און וואַסקע האָט שוין אויך אַ סמאָקע געטון איר האַנט, פון וועלכער ס׳האָט ווידער געשמעקט מיט קאָרענעם ברויט, האָט די באַבע אַרויסגענומען פון בוזעם אַ טיכעלע. אין טיכעלע איז געווען עפּעס אײַנגעבונדן.

— אָ דאָס האָב איך דיר, זונוניו, אַ מאַטאָנע געבראַכט.

זי האָט צעבונדן דאָס טיכעלע און האָט מיט די אַלטע פינגער אַרויסגענומען אַ שפּאָגל־נײַעם זילבערנעם רובל און צוגעטראָגן וואַסקען צו די סאַמע אויגן.

וואַסקען האָט אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּט פון אַזאַ מין אומגעריכטקייט. דו ביסט אַ מייוון? אַ גאַנצער קאַרב! און נאָך אַזאַ נייַנקער, אַ בלישטשענדיקער, אַז ער שפּיגלט מאַמעש אין די אויגן. אָבער די מאַמע האָט אַ כאַפּ געטון דער באַבען פאַר דער האַנט.

— גאָט באַהיט! ווי קען מען עס אַזאַ מין לאָבוס פאַרגלויבן אַזויפיל געלט, אָ, גאָטעניו! ער וועט דאָך דאָס פאַר איין מאָל צעפּאַטערן אַף ציגאַרעלעך אָדער אַף אַנדערע שיידים. גיב נאָר שוין אָפּ צוריק דער באַבען דאָס געלט!

אָבער כאָטש די באַבע איז געוועזן פאַרוויקלט אין אַ גרויסן טיכל, דאָך האָט זי זיך געפירט ווי אַ קאָזאַק. אויב זי האָט שוין יאָ עפּעס געשענקט, האָט זי ניט ליב געהאַט כאַפּן צוריק.

— אָ, ניין, ער איז אַ ווילער יונג, אַ געראָטענער, אַ לייַטישער, ער וועט שאַנעווען דער באַבעס מאַטאָנע, ער וועט זי אָפּהיטן און וועט עס פאַרטון אַף עפּעס רעכטס.— יאָ, וואַסקע? וועסט אָפּהיטן?

— איך וועל אָפּהיטן...—האָט וואַסיאַ געענטפערט מיט אַ באַס, און האָט בעייסמעַיסע געהאַלטן פעסט אין אַן אייַנגעדריקטן פויסט דעם רובל אין קעשענע.

— אַנו, זאָל נאָר אים עמעצער איצט פּרוּוון אָפּנעמען!

— נו, געדענק־זשע, לייַדאַק איינער, פאַטערסטו מיר דאָס געלט, פאַרשפּאָרסטו שוין אַהיים קומען! זע, טו כאָטש אַ קוש דער באַבען די האַנט.

וואַסקאַ האָט זייער ציטעריק אָנגענומען דער באַבעס האַנט מיט זייַן לינקער האַנט,—וואָרעם מיט דער רעכטער

האָט ער דאָך געהאַלטן דעם רובל אין קעשענע, — און האָט אַ קוש געטון. דער באַבעס האַנט איז געווען אינגאַנצן אין קנייטשיקלעך, אין האָרביקלעך און אין קאַרבן. אָבער אַזאַ ליבע איז זי געווען, אַז וואַסקאַ האָט שטילינקערהייט שוין פון זיך אַליין צוגעטוליעט זי צו זיך און נאָך אַמאָל אַ קוש געטון.

II

נו, ווהין, אַשטייגער, קען מען זיך לאָזן גיין, אויב ניט צום יאַר. דאָרט האָבן זיך שוין געוויס לאַנג אָנגעקליבן יינגלעך. אָט וועלן זיי דאָס מעקאַנע זײַן, אַז זיי וועלן דערזען דעם קערבל!

נו, ס׳דאָך טאַקע אַ זעלטן קערבעלע: די קאַרביקלעך זײַנען אַף אים גלײַכינקע; דעם קייסערס פּאָרטרעט אַקוראַט ווי אַ לעבעדיקער, אַ גלאַטינקער; און דער אָדלער וואָס אַף דער לינקער זײַט איז אפילע אַף קײַן האָר ניט אָפּגעריבן, ער שטעכט אַזש אין די פינגער. און ס׳אַראַ מין שווערינקער, קיין אײַנהאָרע זאָל אים ניט זײַן. און אַזוי גוט קען מען זיך מיט אים פּאַרמעסטן אַף אַ שמיץ טון; ווען מע נעמט אַרום מיט אַ פינגער אַרום רייפעלע און מיטן אַנדערן האַלט מען צו אונטן, און מע טוט אַ וואָרף אינדערהייך, קען ער זיך אַוועקקײַקלען, אַז מ׳זאָל אים שוין מער אין די אויגן ניט זען.

וואָס וואָלט מען, אַשטייגער, געקענט פּאַר אים קויפן? אויב ציגאַרן זײַנען צו דרײַ קאָפּיקעס אַ צענדליק, קען אויסגיין עפשער דרײַסיק צענדליק. אָהאָ!

דער יאַר האָט זיך געפונען אַזש הינטערן שטאָט. דאָרטן האָבן אַמאָל געלעבט וואָכנווײַז גאַנצע כעוורעס מיט באָרוועסע. באַטאָג פלעגן זיי זיצן רעדלעכווײַז אין די גריבלעך און שפּילן אין קאָרטן אָדער זיי פלעגן שלאָפן, און

באַנאַכט פלעגן זיי זיך צעקריכן איבערן שטאָט און פלעגן פאַרדינען אַפּן-דורכלעבן מיט אַלערליי באַנאַכטיקע פּאַר־נאָסעס. און דערנאָך האָבן די פּאָליציי־לײַט ווי־עס־איז פאַנאַנדערגעטריבן די באַלפּאַרנאָסעס און אָט איצט איז דאָרטן פֿאַר די ייִנגלעך אַ לעבן; דאָרט איז זייער גוט צו שפּילן אין פּילקע און אין קעגליעס. דער יאַר איז אַ שרעק־לעך טיפער. ס'וועט פון דאָרטן ניט אַרויספליען ניט די פּילקע און ניט די שטעקלעך. פון איין זײַט איז די גוואַל־דיק הויכע גלאַטע און ליימיקע וואַנט, מיט די קוסטעס מאָלאַטשײַ, וואָס איין גאָט ווייסט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך דאָרט אָנגעטשעפּעט. פון דער צווייטער זײַט — איז דער גרינער אַראָפּ־באַרג, איבער וועלכן ס'האָבן זיך ווי געלע שנירעלעך איבערגעפלאָכטן פאַרשיידענע שטעגעלעך. און ברייט איז דער יאַר געווען אַזוי, אַז קיינער פון די ייִנג־לעך האָט אַפילו קיין שווערלעכע שאַטנע ניט געקענט איבערוואַרפן פון איין זײַט אַפּן צווייטן.

און אַז וואַסקע איז מיט ביידע הענט אין די קעשענעס צוגעגאַנגען צום יאַר, זײַנען שוין פונקט די ייִנגלעך פון דאָרט אַרויסגעקראָכן. דערזעען וואַסקען, האָבן זיי אַלע אויסגעשריגן:

— אָ, דער פײַער־פויגל גייט! ווּהין איז, פײַער־פויגל?

וואַסקען האָט מען גערופן פײַער־פויגל דערפאַר, ווײַל ער איז געווען אַ געלער, אַזש אַ רויטער, נאָר די ברעמען זײַנען געווען טונקעלע און די אויגן גרויע; אָבער דער גאַנצער קאָפּ איז בײַ אים געווען ווי פון רויטן גאָלד אויס־געגאָסן. צײַטנווײַז פלעגט מען זיך אַפילו מיט אים רייצן, אַז ער איז אַ שפּערל, און דאָס איז דערפאַר, וואָס זײַן

גאַנץ פּאָנים איז געווען אָפּגעשאָטן מיט קלײַען און איז געווען ענלעך צו אַ שפּערל־אייעלע.

וואַסקע האָט זיך ניט געײַלט, ווי ער וואָלט ניט געהערט די אויסרופן. ער האָט פאַרשאַרט די היטל אַף דער פּאָטיליצע, פּונקט ווי אַמאָל דער באָסיאַק סאַווקע, און האָט פאַרצויגן:

ס׳האָט געזאָגט
דעם זון די מאַמע:
— ניט פיר זיך אום
מיט קײַן גאַנאָווים,
מע וועט דיך קײַן סיביר פאַרשיקן
און אין קייטן דיך פאַרקאָוועז!..

דערנאָך האָט וואַסקע אַ שפּײַ געגעבן דורך די ציין, צוגעגאַנגען צו די יאַטן מיט אַ שטעל, און האָט דערווײַל אין איין גאַנג אונטערגעשטעלט פּאָסמיטיוכען אַ פיסל. אומגעוואַלגערט פּאָסמיטיוכען אַף דער ערד, האָט זיך וואַסקאַ אַרופגעכאַפּט אַף אים און נאָך צוגעדריקט מיט דער קני.

— ווער, זאָגסטו, איז אַ פײַער־פויגל? האַ?

פּאָסמיטיוכאַ האָט פאַרשטעלט מיט בײדע הענט דעם פּאָנים, די פיס פאַרוואָרפן צום קאָפּ און זיך אינגאַנצן אופגעדרייט, שרײַענדיק מיט אַ ראַכמאָנעסדיקן קאָל:

— אוי, ס׳ניט דו, ס׳ניט דו! גוואַלד, כעוורע, ראַטעוועט!

— נו, טאָ געדענק־זשע, אַז ניט איז דיר דאָ דײַן טויט אַפן אָרט, שטיי אוף!

נאָך דעם האָט ער איטלעכן מיט גאַדלעס געגעבן די האַנט און האָט זיך אָנגערופן:

— וווהין איז עס שוין אַזוי גיך? אַהיים, צי וווהין?

— ווי דען האָסטו געמיינט?

— אָט האָסטו דיר! ווער לויפט עס אין דער צײַט אַהיים? קומט בעסער לאָמיר שפּילן אין הילקע, קומט!

ניין, די יאַטן האָבן שוין ניט געוואָלט שפּילן ניט אין הילקע, ניט אין שטעקלעך. זיי האָבן שוין אַפילו קײַן יאַ־שטשערקעס ניט געוואָלט כאַפּן, ווײַל זיי האָבן שוין איינ־מאָל געשפּילט אין הילקע און פון מיקישעס פּיסטאָליעט האָבן זיי שוין אויך געשאָסן. מיקישען האָט אַפילו שיר ניט אָפּגעריסן אַ שטיקל פינגער. זיי זײַנען שוין אַרויסגעע־קראָכן פון יאַר, און זיך אַראָפּלאָזן נאָך אַמאָל איז שוין ניט געווען קײַן כיישעק. וואַסקאַ האָט געהאַלטן די לינקע האַנט אין קעשענע און די גאַנצע צײַט מיט ליבשאַפט גע־דרייט אין די פינגער דעם קערבל. ס׳האָט זיך אים שרעק־לעך געוואָלט אַ באַרים־טון מיט אים, נאָר ווי אַזוי מאַכט מען עס אין מיטן דערינען, גלאַט אין דער וועלט אַרײַן,— מע קאָן נאָך מיינען, אַז ער האָט קיינמאָל אַזעלכע געלט אין די הענט ניט געהאַלטן.

אינעווייניק אין יאַר זײַנען אומגעלאָפן קליינע יאַטן,— אינעם אָנטון איז געווען קענטיק, אַז דאָס זײַנען שילער פון דער האַנטווערקער־שול. זיי האָבן געשפּילט אין פּילקע. נידעריקער פונעם יאַר איז געלעגן צעוואָרפן די שטאָט. זי האָט זיך געצויגן ווײַט־ווײַט איבערן טאָל און געמינעט זיך מיט די ווײַסינקע הײַזלעך. פון יענער זײַט טײַך אַפּן וואָקזאַל איז אומגעפאָרן אַף די רעלסן איינער אַליין אַ

לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט געפּיפּקעט ווי אַ ליולקע מיט קנוילן ווײַסן רויך. די זון איז געשטאַנען זײער הויך און האָט פֿאַרגאָסן דעם גאַנצן טאָל, דעם באַרג, דעם יאַר, דאָס וועלדל פֿון יענער זײַט יאַר און דעם גרוילעך־בלויען סטעפּ מיט אַזאַ היץ, אַז ס׳האָט זיך נאָר געוואָלט צעעפּענען שטאַרק דאָס מויל, אַזוי ווי אַ הונט אין אַ היץ, און זיך אַני־דערזעצן ערגעץ אין אַ פֿײַכטן אָרט אין דער טיף פֿונעם יאַר.

די יאַטן האָבן זיך צעלייגט אָפּן גראָז און פֿאַרדעקט די פּענימער מיט די היטלען. אַפילו זאַדיאַראַ האָט זיך אַנידערגעלייגט. אַזוי קען ער דאָך קיין מאָל אַפילו קיין מינוט ניט אײַנשטיין אויף איין אָרט; אַ קליינינקער, אַ שוואַרצינקער מיט אַ קײַלעכיק־געשוירן קעפּל, איז ער גע־ווען ענלעך אַף אַ זשוקל, וואָס לויפט אַרום אין גראָז.

נאָר איין וואַסקאַ איז געשטאַנען אַף די פֿיס, די גרויע אויגן פֿאַרזשמורעט און געקוקט אַראָפּ אַף די ייִנגלעך. זײַן לינקע האַנט האָט דערווײַל אַלץ געדרייט דעם קערבל, און אַזאַ ליבער איז ער אים געווען, אַזאַ נאָענטער און שוין גוט באַקאַנטער, אַז ס׳האָט זיך געוואָלט אים אַרויס־נעמען, אים צולייגן צום באַק, צו די ליפּן און אים אַ קאַ־פּעלע אַ גלעט טון.

פֿלוצלינג האָט די לינקע האַנט ווי אַליין אַרויסגעכאַפּט זיך פֿון קעשענע. וואַסקאַ האָט איבערגעלייגט דעם קערבל אין דער רעכטער האַנט אַרײַן און האָט אים גלײַכגילטיק אונטערגעוואָרפֿן אַף דער דלאָניע. קיינער באַמערקט ניט. וואַסקאַ האָט נאָך העפֿקערדיקער גענומען אונטערשמיצן דעם רובל, פּונקט ווי ער וואָלט געהאַט צוטון מיט עפּעס אַ שטיינדל, אָדער אַ שאַטנע. ער האָט זיך אַפילו ניט אומ־

געקוקט אַפן קערבל, ווי ער וואָלט גאָר געווען פאַרנומען מיט די „האַנטווערקערלעך“.

זאַדיאָראַ האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ, ווײַל ער האָט באַמערקט עפּעס בלישטשענדיקס.

— אַ! וואָס איז דאָס באַ דיר, וואַסקאַ?

וואַסקאַ איז זיך געשטאַנען, אונטערגעוואָרפן אין האַנט דעם קערבל און ניט געענטפערט: וואָס איז דאָ פאַראַן זיך וואָס צו כידעשן, אַ זילבערנער קערבל און גענוג — אַ גרויסע מעציע.

— היי, יאַטן! טוט נאָר אַ קוק, וואָס האַלט עס וואַסקאַ. אַנאַ!

דאָ האָבן זיך שוין אַלע כעוורע אַ הייב געטון פון אָרט: אי דער לאַנגער, שוואַכלעכער פּאָסמיטיוכאַ, אי דער געזעצטער, קײַלעכיקער, האַלב־שלעפעריקער מיקישאַ, וואָס איז געווען אָנגעטון אין אַ ראָז ציצן העמדל מיט אַ נײַ קאַשקעטל. פּאָסמיטיוכאַ האָט זיך אַזש אַ שטעל געטון אַף זײַנע לאַנגע און דינע קני, אַזוי ווי באַ אַ גריל, און האָט פאַר גרויס וווּנדער צעעפנט דאָס מויל, וואָס פלעגט באַ אים שטענדיק עפּעס סלינען. זײַן ענטל־נאָז האָט זיך נאָך לענגער אויסגעצויגן פון גרויס איבעראַשונג.

— טיו! טו נאָר אַ קוק, באַם פלאָכט איז דאָך פאַראַן אַ גאַנצער קאַרב! ווו האָסטו גענומען, פײַער־פויגל? אַנו, באַווײַז נאָר! אַנו!

וואַסקאַ האָט אויך דאָ ניט געענטפערט קײַן וואָרט, נאָר שווײַגנדיק און געלאַסן אַ שטעק געטון פּאָסמיטיוכען דעם קערבל, און אַליין זיך אַ קער געטון צו זאַדיאָרען און זיך אָפּגערופן:

— אַנו, גיב נאָר פאַרויכערן.

זאַדיאָראַ האָט ניט געהערט, ווייל ער האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטון צו פּאָסמיטיוכען.

פּאָסמיטיוכאַ האָט זיך אופגעכאַפּט אַף די פיס און איז צוגעזאָטן צום קערבל, באַטראַכטנדיק אים פון אַלע זייטן.

— ס'אַן עמעסער רובל! — האָט ער זיך אַלץ מער און מער געכידעשט, — און אַ נייער! אַך, פלעכטל! דער רועך זאָל דיך...

— אַנו, פּאָסמיטיוכאַ, באַווייַז. איך וויל אויך אַ קוק טון.

— טשעפּע זיך אָפּ! זאַדיאָראַ דו! אָט אַ פלעכטל!

זאַדיאָראַ האָט טאַקע אַרויסגעריסן דעם קערבל בײַ פּאָסמיטיוכען. האָט שוין בײַ זאַדיאָרען אַרויסגעריסן מי־קישאַ, און פּאָסמיטיוכאַ האָט צוריק אַרויסגעקלאַפּט פון מיקישעס הענט. אָבער דאָ האָט זיך שוין אַרײַנגעמישט וואַסקאַ און צוגענומען דעם קערבל: אַזוי קען מען נאָך פאַרוואַרפן אויך, — ער וועט זיך אַוועקקײַקלען און גיי זוך אים.

— אָבער ווו האָסטו אים גענומען, פײַער־פויגל?

וואַסקאַ האָט באַהאַלטן דעם קערבל אין קעשענע און אַנשטאָט ענטפערן האָט ער זיך ערנסט אָנגערופן צו פּאָ־סמיטיוכען:

— גיב אַהער אַ פּאַפּיראָס! נאָר גיך!

פּאָסמיטיוכאַ האָט זיך צעלאַכט מיט זײַנע בלויע ציין, האָט אויסגעקערט ביידע הויזן־קעשענעס און זיי נאָך צו־געהאַלטן מיט די שפּיץ פינגער.

— ניטאָ אַפילע קיין זייכער, — האָט זאַדיאָראַ אויסגע־שפּיגן, — עמעצער זאָל עס כאָטש געבן איינמאָל אַ צי טון.

— נו, וועט דאָך דער פּײַער־פױגל קױפן, — האָט זיך מיקישע האַלב־שלעפעריק אָנגערופן.

פּאָסמיטיוכאַ האָט שעלמיש פאַרזשמורעט איין אייגל.

— ווער האָט דיר געזאָגט?

— ער פאַרמאָגט דאָך אַ גאַנצן קאַרב.

— נו, איז וואָס?

וואַסקאַ האָט אַרויסגענומען נאָכאַמאָל דעם קערבל און האָט אים אונטערגעשמיצט אַפן האַנט. דער זילבער האָט אַ בלענד געטון און פריילעך אַ בלישטשע געטון אַף דער זון. וואַסקאַ האָט מיט די פינגער אַרומגענומען דעם רייפּעלע פון קערבל, זיך פון דער גרינג פאַרמאָסטן, אַ זשמורע געטון מיט די אויגן און געזאָגט:

— אָט, וואָלט איך אים אַ וואָרף געטון, אַהינצו, איך וואָלט אים עפשער געקענט אַריבערוואַרפן אַף יענער זײַט יאַר.

זאַדיאָראַ האָט אַף גיך אַ בליק געטון אַף וואַסקעס האַנט, וואָס מיטן רובל, דערנאָך אַפן יאַר. ער האָט אַף אַ רעגע אַ מעסט געטון און באַשטימט:

— ניין, וואָלסט ניט אריבערגעוואָרפן. ווי קומט, ווי קומסטו, אַפילע צום מיטן וואַנט וואָלסטו ניט דערלאַנגט.

וואַסקאַ האָט פאַרזשמורעט די אויגן און אַ דריי געטון מיטן קאָפּ.

— אוי, נאָך אַ מין אַריבערוואַרפן.

— אַנו! — האָט פּאָסמיטיוכאַ אויסגעשריען, — אין וויפל געוועט, אַז דו וואַרפסט ניט אריבער, אַנו!

וואַסקאַ האָט אַרײַנגעלייגט דעם רובל אין קעשענע אַרײַן און האָט זיך אָפּגעקערט פון יאַר.

— נו, ווער גייט זיך באָדן? — האָט ער זיך אַ קער געטון צו מיקישען, — האַ?

— לאָמיר גיין, — איז מיקישאַ האַלב־שלעפעריק איינגעגאַן.

פּאָסמיטיוכאַ האָט זיך גיפּטיק צעלאַכט:

— אָט האָסטו דיר אריבערגעוואָרפן! אָך, דו פלעכטל איינער! „איכל אריבערוואַרפן". דאָ, ברודער־לעבן, האָבן שוין לייטישערע פאַר דיר געוואָרפן און ס'האָט זיך זיי אויך ניט איינגעגעבן. און ער וויל מיט זיין קאַרבוטש. דו וואָלסט דאָ, דאַכט זיך, געמאַכט אַזאַ געוויין, ווען דו שמיצט אַוועק דעם קערבל, אַז ס'וואָלט פאַרטרינקען דעם גאַנצן יאַר מיט טרערן.

נעמען זיך צום האַרצן פון פּאָסמיטיוכעס רייד איז ניט געווען וואָס, ווייל יעדערער האָט געוווּסט, אַז פּאָסמיטיוכאַ האָט ליב אומיסטן זיך איינעסן וואַסקען אין די ביינער, ווייל וואַסקע איז אַ געזינטערער פאַר אים. פונדעסטוועגן איז אָבער וואַסקע רויט געוואָרן.

— און דו וואָלסט אַריבערגעוואָרפן?

— איך גיי זיך דאָך ניט באַרימען. און ווען איך וואָלט געהאַט אַ קערבל, וואָלט איך גאָרניט געציטערט איבער אים אַזוי ווי דו.

— אַנו, נאַ וואַרף אריבער! נאַ, נעם!

און וואַסקאַ האָט אַרויסגעשלעפּט דעם קערבל פון קעשענע און אים געשטופּט פּאָסמיטיוכען.

— נאַ וואַרף.

— אַף וואָס זאָל איך וואַרפן? וואַרף דו, איך וועל ניט אַריבערוואַרפן, אָבער דו ביסט דאָך אַזאַ פלעכטל, אַז דו וועסט מיט דער מינוט אַריבערוואַרפן.

— וואָרעם איך וועל טאַקע אַריבערוואַרפן.

— פון האַנט אין קעשענע אַרײַן? מיר האָבן שוין אַזוינס געזעען.

נו, דאָ איז שוין אינגאַנצן קלאָר געוועזן, אַז פּאָסמי־טיוכאַ וויל צעהיצן וואַסקען, ער זאָל פאַרוואַרפן זײַן קערבל, וואָרעם וועמען וואָלט עס אַרוף אַפן זינען, נעמען און פאַרשמיצן אַזאַ אייגנס מיט געלט. אַפילע פּאָסמיטיוכאַ אַליין האָט עס ניט געקלערט. ער האָט נאָר אַזוי געליאַפּעט מיט דער צונג פון קינע.

זאַדיאָראַ איז שוין אַפילע אין קאַס געוואָרן. ער האָט געגעבן אַ שפרונג אונטער (ווײַל ער איז געוועזן אַסאַך אַ נידעריקערער אין פאַרגלײַך מיט פּאָסמי־טיוכען) און האָט אים אָנגערוקט די היטל אַפן סאַמע נאָז און אויסגעשריען:

— טו־ליו־ליו־ליו!

אַזוי זינגען די מיסטפייגעלעך אין סטעפּ.

פּאָסמיטיוכאַ האָט אַרופגערוקט די היטל און האָט אַ בריקע געטון מיטן פוס אַף זאַדיאָרען — שלאָגן פלעגט ער זיך מיט קיינעם ניט אײַנשטעלן, ווײַל ער איז געוועזן זייער אַ שוואַכער, כאָטש ער איז דאַפקע געוועזן העכער פאַר איטלעכן: ער פלעג זיך נאָר אָפּשטופּן, אָפּבריקען און פלעג זיך שוין מערער נויקעם זײַן מיט דער צונג. וואַסקאַ איז אָבער ווידעראַמאָל רויט געוואָרן. אַף דער נאָז און אַף די ברעמען האָט אים באַשלאָגן אַ דריבנער שווייס. ער האָט שטײַף צונויפגעשנירעוועט די ליפּן און אָנגעהויבן סאַפּען מיט דער נאָז, און דאָס איז שוין געוועזן ניט קײַן גוטער סימען.

— נו, און וואָס וועט זײַן אויב איך וועל יאָ אריבער־וואַרפן?—האָט ער זיך פּלוצלינג אָנגערופן און בייז אַ קוק געטון אַף פּאָסמיטיוכען.

פּאָסמיטיוכאַ האָט זיך קלוימערשט דערשראָקן און האָט זיך אַזש צוגעזעצט אַף זײַנע לאַנגע פיס.

— אוי, מע דאַרף ניט, וואַסקאַ, איך זאָג דיר, מע דאַרף ניט! וואָס ווילסטו טון?

— אַנו, אָבער אין וויפל געוועט, אַז איך וועל אריבער־וואַרפן!

וואַסקאַ האָט שוין עס אַזוי געזאָגט, אַז פּאָסמיטיוכאַ האָט אַף אים אַ שטאַרקן קוק געטון.

— לאָמיר זיך וועטן,—האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט אַזאַ פלײַס, אַז די היטל האָט זיך אים אַזש אַראָפּגערוקט אַף דער פּאָטיליצע,—אַף וואָס ווילסטו זיך וועטן?

— אַף דײַנע שוואַרץ־ראַבע...

פּאָסמיטיוכאַ האָט זיך אַזוי פאַרכידעשט, אַז ער האָט זיך אַזש אינגאַנצן איבערגעבויגן אַנקעגן וואַסקען און האָט צו אים אויסגעצויגן זײַן דינעם בלויען אָדערדיקן האַלדז.

— ווי־אַזוי? אַף מײַנע שוואַרץ־ראַבע?!

— נו, יאָ. וואַרף איך אריבער, איז אַ סאָף צו דײַנע שוואַרץ־ראַבע. און אויב איך וואַרף ניט אריבער, איז פאַר־פאַלן מײַן קערבל.

פּאָסמיטיוכאַ האָט זיך אַ וואָרף געטון אַף צוריק.

— איז פאַר מײַנע שוואַרץ־ראַבע, קלערסטו, וועט מען מער פון קײַן קערבל ניט געבן?!

— געוויס ניט.

דאָ האָט שוין וואַסקע אַביסל געדרייט מיט דער צונג, וואָרעם די גאַנצע גאַס האָט געוווּסט, אַז פאַר אַזעלכע טויבן ווי בא פאָסמיטיוכען, וועט אַבי ווער מיט פאַרמאַכטע אויגן אָפּצאָלן דריי רובל: קיילעכיקע עקעלעך, אַ ריינער קאָליר, די פיסקעלעך, ווי ווייצענע קערנדלעך, און דער פלי זייערער — גרינג ווי אַ פעדער. אַז מיקישאַ האָט זיך שוין אַפילו איינגעשטעלט פאַר די שוואַרץ־ראַבע:

— נו־או, וואָס רעדסטו... — האָט ער ניט צופרידן אַ כאָמכע געטון אונטערן נאָז און האָט פאַרשטשורעט די אויגן.

פאָסמיטיוכאַ האָט פּאַוואָלי אופגעלייגט אַ פייג, און מיט דער לינקער האַנט האָט ער געהאָלפן דעם קלענסטן פינגערל פון דער רעכטער אופדרייען די צווייטע. ביידע פייגן האָט ער אַרופגעלייגט אַף דער דלאָניע פון דער לינקער האַנט און האָט עס אונטערגעטראָגן וואַסקען אונטערן סאַמע נאָז:

— און אָט דאָס־אָ ווילסטו?

וואַסקאַ האָט ווי ניט באַמערקט די פייגן און האָט אַפילע אַף זיי קיין קוק ניט געטון.

— און דו ווילסט, אַז מיין רובל זאָל פאַרפאַלן ווערן אומזיסט?

— פאַרוואָס עפעס אומזיסט? מיר קענען זיך וועטן אַף מיין מעסערל. אויב דו וואַרפסט אריבער — נעמסטו צו ס׳מעסערל, וואַרפסטו ניט אריבער, — גיסטו מיר דיין שוואַרצע פילקע.

— דאָס הייסט כוצן רובל, וואָס וועט פאַרפאַלן ווערן? — האָט זאַדיאָראַ אויסגעשריען.

— אוואַדע, וואָס־זשע. איך זאָל אומזיסט אײַנשטעלן מײַן מעסערל? וואָס וועט מיר אַרויסקומען, אויב ער וועט ניט אריבערוואַרפן?

דאָס איז שוין געווען אַזאַ כוצפע, אַז מע האָט גע־מעגט נעמען פּאָסמיטיוכען און אים אַ גוטן שמיץ טון אין דער ערד, אַרויסרײַסן זײַן פּאַרשיוון מעסערל און אים פּאַרוואַרפן טיף אין יאַר — זאָל ער קריכן אַהין אים זוכן דערפּאַר ביזקל סאַמע נאַכט. אָבער וואַסקאַ האָט רויִק גע־נומען דאָס מעסערל, וואָס פּאָסמיטיוכאַ האָט אַרויסגענומען פון קעשענע, האָט אים גוט באַטראַכט און אַ פרעג געטון:

— וויפל האָסטו פאַר אים געגעבן?

— צוויי מיט אַ האַלבן. וויפל דען האָסטו געמיינט? ס'איז דאָך מיט אַ ביינערן הענטל, פלעכטל דו!

— ער איז ווערט מיט דעם הענטל אינײנעם און מיט פּאָסמיטיוכען פאַר אַ צוגאָב עפּשער צען קאָפּיקעס ניט מער.—זאַדיאָרא האָט עס אַזוי געזאָגט.

אָבער וואַסקאַ האָט פּאַמעלעכן געדרייט דאָס מעסערל אין די פינגער און געדרייט. די ליפּן—דינינקע, די גרויע אויגן האָבן זיך אָנגעשפּיצט, און ער אַליין איז געוואָרן רויט, ווי די האָר זײַנע, און די גאַנצע צײַט געסאַפּעט מיט דער נאָז. יאָ, ווײַזט אויס, אַז ער איז שוין ניט אַף קאַטאָ־וועס צערייצט. אַז די ליפּן זײַנען שוין דינינקע און ער סאַפּעט מיט דער נאָז, איז שוין אַ שלעכטע מײַסע.

פּאָסמיטיוכאַ האָט עס אויך באַמערקט און האָט גענו־מען נאָך מער אונטערגעבן היץ.

— נו, וואָס? זיך דערשראָקן? ס'טוט דיר באַנק? אָך, ביסטו אַ העלד: „איך וועל אריבערוואַרפן״!... נו, טאָ וואַרף

אריבער. וואָס־זשע שטייסטו? זע, זאָלסט כאַטש נאָכדעם ניט לויפן צו דער מאַמען זיך קלאָגן. באַרימען זיך קען יעדערער, און אַז ס׳קומט צו עפּעס איז ניטאָ קיינער. אויך מיר אַ פּלעכטל!

וואַסקאַ האָט שווײַגנדיק און פּאַמעלעך, מיט אַן אײַנגעגראָבענעם קוק צו דער ערד, אַרײַנגערוקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגענומען די פּילקע און איניינעם מיטן מעסערל עס אַ שטעק געטון זאַדיאָרען אין האַנט אַרײַן. ער איז, הייסט עס, אײַנגעגאַנגען אַף אַזאַ געוועט. ער האָט ניט אויסגערעדט קײַן האַלבן וואָרט דערבײַ, נאָר אויב די זאַכן ווערן איבערגעגעבן אין דער דריטער האַנט, איז דאָך עס קלאָר.

זאַדיאָראַ האָט זיך אַזש דערשראָקן. ווי קען דאָס געמאָלט זײַן? פאַר אָט דעם ווערימדיקן מעסערל פּאַרוואַרפן אַ גאַנצן, נײַעם און בלישטשענדיקן קערבל און נאָך פאַר אַ צוגאָב די שענסטע פּילקע דאָ אין גאַס? אַפילע מיקישאַ האָט זיך אופגערעגט: זײַנע קלייניניקע האַלב־שלעפעריקע אייגעלעך האָבן זיך פאַרזאָרגט. ער האָט אויך גענומען איניינעם מיט זאַדיאָרען אײַנרעדן וואַסקען.

— פאַר אַזאַ מין רובל, וויפל מע קען עס אָנקויפן פּאַפּיראָסן, אַגרעסן, וויפל קוואַס, און פּיאַלקע אויסטרינקען, מע קען דאָך אַ גאַנצן טאָג זיך קאַטאַיען אַפן טראַמווײַ. און דאָס מעסערל וואָס? אַן אָפּגעשיילט הענטל און אַפילע ניט קײַן ביינערנע, אַ דער רויעך ווייסט וואָס, און דאָס קלינגל אַליין — אַן אײַזערנס, צעבויגן.

פּאָסמיטיוכאַ האָט זיך אַליין אויך דערשראָקן. אינדערעמעסן זאָגנדיק, האָט ער אַליין ניט געקלערט, אַז וואַסקאַ

וועט אײַנגיין אַף אַזעלעכס. ער האָט געמײנט, אַז וואַסקאַ וועט זיך דערשרעקן און מע וועט קענען דערנאָך פון אים כויזעקן אַביסל און גענוג. און פאַרן קערבל וואָלטן אַלע אײנײנעם אָנגעקויפט ציגאַרעלעך, פּיאַלקע און אַגרעסן וואָס פּאָסמיטיוכאַ האָט אַזוי גוואַלדיק ליב.

און דערווײַל האָט שוין וואַסקאַ פּאַמעלעכן אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך דעם רימענעם פּאַסיק און האָט צעשפּילעט דאָס העמדל און גענומען זי אויסטון איבערן קאָפּ. נו, אויב ער האָט שוין יאָ אַראָפּגעוואָרפן דאָס העמדל פון זיך, איז שוין אַן עק אַ סאָף, וועט שוין גאָרניט העלפן.

— אוך, דו, הינטישער פּאָסמיטיוכאַ — פּאַרשיווער! — האָט אים זאַדיאָראַ אַ קאַדויטשע געטון מיטן קולאַק אין זײַט, — פּאַרפּאַלן דער קערבל.

פּאָסמיטיוכאַ האָט שולדיקלעך אַ שמייכל געטון און אַ קראַץ געטון דאָס שפּיץ נעזל. מיקישאַ האָט געפּינטלט מיט די אויגן און האָט אַ צעטראָגע־נער געקוקט אַף וואַסקען. אָט וואָלט עס גוט געווען אַוועק־גיין צום טײַך און זיך לייגן אין שאָטן אונטער די ווער־בעס, און אין האַנט באַ יעדן זאָל זײַן צו פּלעשלעך זידנ־דיקע, קאַלטע ווי מיט שטעכלקעלעך „פּיאַלקע", הערן ווי דער טשערעט שורשעט און וויגט זיך, אַ פּישעלע טוט זיך אַ פּליושקע, און אַרום שמעקט מיט לאָנקע.

— אָט דאָס... איז דאָך... זאָל עס גיין צו אַלדע רוכעס... מע דאַרף ניט... וואָס איז. טאַקע אינדערעמעסן? אַף מײַן וואָרט... וואַסקאַ, טו אַ שפּײַ.

און מיקישאַ האָט אַפּילע אַ שלעפּ געטון וואַסקען פּאַרן אַרבל, אָבער וואַסקאַ האָט שוין פּאַרקאַטשעט די אַרבל,

געקוקט אַלץ צו דער ערד און ניט צענומען די ווײַסע צו־נויפגעפּרעסטע ליפּן. און אַז ער האָט שוין פאַרקאַטשעט, האָט ער די הענט אַראָפּגעלאָזט און ט׳אַרײַנגעשטעלט אין פּאָסמיטיוכען אַ פּאָר גרויע, שטעכיקע, עפּעס אינגאַנצן פרעמדע אויגן און געזאָגט:

— נו, טאָ געדענק־זשע: אויב העכער פון יענעם אָ „שוועל״, הייסט עס אַריבערגעוואָרפן. אויב נידעריקער, — איז ניט דערוואָרפן.

דער „שוועל״ איז געווען העכער פון דער מיט אַף דער ליימענער וואַנט. אַף אים זײַנען געוואַקסן מאָלאָטשײַ, בערלעך, און אַזוי עפּעס ביימלעך, ווײַזט אויס, אַז אַמאָל האָט זיך פונעם באַרג אָפּגעוואַלגערט אַ שטיקל ערד אַף דעם־אָ שוועל.

— ע־ע — האָט זיך פּאָסמיטיוכאַ פאַרקרימט. — דו וואַרף, זײַ מויכל, איבער אַזש אַף יענער זײַט.

זאַדיאָראַ האָט ניט אויסגעהאַלטן און איז אונטערגע־שפּרונגען צו פּאָסמיטיוכען ווי אַ פּילקע.

— גיי צו אַלדע רוכעס, דו כאַניפּושניק איינער! אָט אַ באַרוועסער! דער שוועל איז דאָך שיר ניט איין הייך מיט אונדז. אַלע וואַרפן דאָך אַזוי, אַפילע די סטודענטן קענען ניט דערוואַרפן ביזן סאַמע שוועל. מע דאַרף ניט, וואַסקאַ, כאַפּט אים דער רועך.

— נו, זאָל שוין זײַן ביזן שוועל, זאָל זײַן אַזוי... — איז פּאָסמיטיוכאַ אײַנגעגאַן. — איך בין אײַך אַן אָרעוו, אַז ער וועט אַפילע צו יענע יינגלעך ניט טרעפן.

מיקישאַ האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס קאַשקעטל, אויסגע־ווישט מיטן אַרבל דעם שווייס, און האָט ווידער אָנגעטון,

ט׳אַ קראַך געטון לעבן אויער און אַ קנייטש געטון מיט די פּלייצעס:

— אַ גאַנצער קאַרב פאַרפאַלן ווערן, און אַפן טײַך איז דאָך איצט אַזוי גוט.

— אַי, וואָס, וואַסקאַ... אָט, אַף מײַן וואָרט..

ערגער פאַר אַלץ איז געווען דאָס, וואָס מיקישאַ האָט ניט געקענט אַרויסגעבן זײַנע געדאַנקען. ווען ער זאָל גע־ווען קענען אַרויסזאָגן מיט ווערטער ווי ס׳איז שרעקלעך, ווי ס׳טוט אים באַנק, אַוועלכע אומרויִקײַט ס׳איז באַפאַלן, און ווי גוט ס׳וואָלט אָט איצט געווען אַפן טײַך, וואָלט דאָך אים וואַסקאַ מיט פאָסמיטיוכען געפאָלגט גלײַך אַפן אָרט.

און זיי האָבן גאָר אַנשטאָט דעם זיך צונויפגערעדט וווהין זיך צו צילן און אַווו ס׳וועט פאַלן דער קערבל. גוט וועט זײַן, אויב ער וועט זיך אין דער ליימענער וואַנט אָפּקלאַפּן, דענסטמאָל וועט זיך דאָרטן אופהייבן אַ קליין רויכעלע. אָבער וואָס וועט זײַן, אויב ער וועט אַרײַנפאַלן אין אַבי־וועלכן ביימל אַפן שוועל, אָדער ער וועט ניט דער־פליען צו דער וואַנט און וועט אַראָפּפאַלן אַפן גראָז אין טאָל? וואַסקאַ וועט דאַן קענען זאָגן, אַז ער האָט אריבער־געוואָרפן.

ענדלעך, איז באַ זיי געבליבן אַזוי: מיקישאַ וועט אַוועק־לויפן אַרום און אַרום און וועט זיך שטעלן אַפן באַרג פון יענער זײַט יאַר. דאָרט וועט ער זיך גוט אײַנקוקן, צי וועט דער קערבל ניט אַראָפּפאַלן דאָרטן לעם אים. און זאַדיאָ־ראַ וועט אַראָפּשפּרינגען אַראָפּ און וועט זיך שטעלן אינעווייניק אין יאַר אַף אַכטונג געבן אַווו וועט זיך

אופהייבן דאָס רויכעלע, און פּאָסמיטיוכאַ אַליין וועט שטיין לעבן וואַסקען און וועט אַכטונג געבן, אַז וואַס־קאַ זאָל אָפּטמאָל ניט אַ שמיץ טון קיין שאַטנע אַנשטאָט דעם רובל.

אַזוי האָט זיך עס דאַפקע באַקומען נישקאָשע, אָבער ווי מע איז זיך נאָר אַף דעם צוגריפּגעגאַנגען, האָט עפּעס פּלוצים אי באַ מיקישען, אי באַ זאַדיאָרען אָפּגענומען דער כיישעק צו גיין,—אי ס׳איז הייס, אי די פיס טוען ווי׳, און ס׳איז שוין גאָר צײַט אַהיים. מיקישאַ האָט זיך אַפילע אויסגעלייגט אַף דער ערד און זיך פאַרדעקט דעם פּאָנים מיטן קאַשקעטל.

— נו, אויב אַזוי,—האָט זיך אָנגערופן פּאָסמיטיוכאַ,—טאָ קומט, לאָמיר גיין צום טײַך, אַפן וועג וועלן מיר פאַרגיין צו סאַשקען און פאַרויכערן...

— צו סאַשקען, פאַרוואָס ניט?—איז אײַנגעגאַנגען זאַ־דיאָראַ און הינטן אַרום דערווײַל געכאַפּט א קוק אַף וואַסקען.

— נו, וועל איך אַזוי אָן גאָרניט וואַרפן,—האָט זיך וואַסקאַ אָנגערופן און האָט אַרויסגענומען פון קעשענע דעם רובל.

באַ די רייד האָט ער א וואָרף געטון דאָס היטל אַף דער ערד און האָט שוין גענומען אָפּטרעטן עטלעכע טריט אַף זיך צעוויגן. דער פּאָנים איז באַ אים געווען אַזאַ אײַנ־געשפּאַרטער, פאַרביסן, זײַנע רויטע האָר זײַנען אַזוי אַנט־שלאָסן געשטאַנען איבער זײַן מילך־ווײַסן שטערן, אַז זאַ־דיאָראַ האָט בייז א שטורכע געטון מיקישען מיטן פוס און האָט זיך אָנגערופן:

— נו, שטיי אוף און גיי אַף יענער זײַט. נו, וויסטער פּאָסמיטיוכאַ, דו וועסט עס האָבן צו געדענקען! מיקישאַ, שטיי אוף! אַ דער רועך זאָל אים נעמען. ער האָט עס זיך צעלייגט אַביסל ווי א גובערנאַטאָר.

מיקישאַ האָט זיך פוילבלעך אופגעהויבן און האָט זיך אַוועקגעשלעפּט אַף יענער זײַט יאַר, און זאַדיאָראַ איז מיט קאַעס אַוועקגעשפּרונגען אַראָפּ אין יאַר אַרײַן, ווי א קליין שוואַרץ קײַלעכיק זשוקעלע.

III

אָט האָט זיך ענדלעך מיקישאַ אין זײַן ציצענער ראָזער העמד באַוויזן צווישן די קוסטיקעס וואָס איבער דער וואַנט פון יאַר, און זאַדיאַראַ איז שוין לאַנג געשטאַנען פונוונטן צווישן דעם הײַפל „האַנטוועקער" און האָט זיי עפּעס דער־ציילט. די יאַטן האָבן זיך אומגעקוקט פריער אַף דער וואַנט, דערנאָך אַפן באַרג צו וואַסקען מיט פּאָסמיטיוכען.

פּאָסמיטיוכאַ איז געלעגן אַף א זײַטל, איבערגעקרייצט די לאַנגע באָרוועסע פיס און געקײַט זיך א גרעזעלע. מיט וואַסקען האָט ער ניט פאַרבראַכט. ער האָט נאָר פון דער זײַט אַלע מאָל פאָרזיכטיק געכאַפּט אַף אים א קוק.

אָן דאָרטן, לעבן קלויסטער, רויטלט זיך א שטיקל בלע־כענער דאַך, דאָרטן אונטער יענעם־אָ דאַך זיצט איצטער די קלייניקע, צעקנייטשטינקע באָבוניו, א פאַרברענטע פון זון, פון ווינט און פון רעגן. פון איר שמעקט מיט קאָרן־ברויט, מיט מעקענע און מיט שײַער. אַף די שטאַנ־גען אין שײַער מאַכן זיך אָפטמאָל שפּערלעך־נעסטן. און איצט וועט מען שוין ניט קענען פאָרן מיט דער באָבען צו איר אין דאָרף אַרײַן, קלעטערן אַף די שטאַנגען כאַפּן שפּערלעך און עסן מיט דער באָבע געזײַערטע אוגערקעס מיט האָניק, אינעם האָניק טרעפן זיך נאָך אָפט פלי־געלעך פון בינען און פיסלעך, און מע וועט זיך שוין ניט

קענען באָדן אין דער ברייטער סאַזשלקע, וואָס איר וואַ־
סער איז געל, אַזש ווײַס פון ליים... און אָפן ברעג וואָס
איז באַזייט מיט קיזיקעס ליגט די טשערעדע און טרײַבט
זיך שלעפעריק אַרום מיט די ווײַסע, שוואַרצע, טונקל־
רויטע עקן. דער פּאַסטעך סאַפּאָן זיצט אַף זײַן אַלט שיפּל,
די שוואַרצע ביינעריקע פּיס, ווי די וואָרצלען, האַלט ער
אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און לעבן די סאַמע פּיס טשיריי־
קען באַ אים אַרום מיט די פליגעלעך פלינקע ברעג־שוועל־
בעלעך. די זון באַקט אין די הוילע אַקסלען, און אין פּליי־
צע; ווײַט אין דאָרף קרייען ערגעץ הענער.

אַפּילע אַהיים, אַהין, אונטער יענעם רויטן שטיקעלע
דאַך וועט מען שוין ניט קענען קומען. „אוווּ איז דער
רובל״?— „איך האָב אים פאַרשמיצט אין יאַר״. ווער וואַרפט
עס געלט אין יאַר אַרײַן? נאָך אַזעלכע נײַינקע, ליבינקע,
מיט אַזעלכע בוילעטע בלישטשענדיקע קאַרביקלעך? מע
וועט אים ניט גלויבן: צוליב וואָס פאַרוואַרפן, און נאָך
וואָס? ווײַזט אויס, צעשאַסטעט אַף פּאַפּיראָסעלעך, אָדער
ערגעץ ווו מיט באָרוועסע אין קאָרטן פאַרשפּילט, אקאַשע
אַף אים.

און וואַסקעס פּאָנים איז שוין ניט געווען רויט, און די
ליפּן האָבן זיך שוין ניט געדריקט איינס צום אַנדערן. ניין,
ניין, אַזעלעכס איז שוין ניט געווען... נאָר דאָ האָט זיך פלוצ־
לינג דערהערט א דיגינקער ווײַטער געשריי פון יענער
זײַט יאַר. דאָס האָט אים מיקישע געהוקעט און געמאַכט
צו אים מיט זײַנע ראָזע אַרבל פון צווישן די קוסטעס.
האָט שוין דענסטמאָל פון אינעווייניק אָנגעהויבן אויך זאַדיאָ־
ראַ הוקען.

וואַסקאַ האָט זיך מיט דער רעגע אופגעכאַפּט אַף די פיס און האָט דערלאַנגט א קוק אַף פּאָסמיטיוכען. פּאָסמי־טיוכאַ האָט שוין, ווײַזט אויס, פון לאַנג געקוקט אַף אים, ווײַל ער האָט עפּעס גיפטיק געשמייכלט. וואַסקאַ האָט זיך גלײַך א דריי געטון, אופגעצויגן די ליפּן אין אַ בײַוועלע און איז געוואָרן ערנסט. און ווי ער פלעג נאָר ווערן אַזוי אָנגעשטרענגט, פלעגן זײַנע באַוועגונגען ווערן לאַנגזאַמע ווי צעכאַלעשטע, אָבער דערפאַר אײַנגעשפּאַרטע. ער האָט פּאַוואָלי פאַרקאַטשעט אַביסל העכער דעם אַרבל פון דער רעכטער האַנט, האָט אַרויסגענומען דעם רובל, אים אַרומ־גענומען מיט צוויי פינגער, אופגעקוועטשט גוט און שוויי־גנדיק באַוויזן פּאָסמיטיוכען. פּאָסמיטיוכאַ האָט א שמייכל געטון און מיטאַמאָל זיך אָנגערופן:

— וואַסקאַ, זאָל דאָס גיין צו אַלדע רוכעס. מע דאַרף ניט. דו וועסט דאָך סײַווי ניט אריבערוואַרפן, און דער רובל וועט פאַרפאַלן ווערן.

— זאָל פאַרפאַלן ווערן. און איך וועל דיר באַווײַזן.

וואָס האָט ער אַזוינס געוואָלט באַווײַזן, האָט וואַסקאַ ניט דערזאָגט, וואָרעם ער איז גלײַך אָפּגעטראָטן א פינף טריט צוריק און אויסגעשריען זע־עט!! ער האָט זיך צע־יאָגט, ווילד פאַרוואָרפן די האַנט מיטן קערבל אַף הינטער און דערנאָך מיטן גאַנצן קויעך אַזאַ שמ.יץ געטון מיט איר, אַז ער האָט זיך אַליין אַזש א וואַקל געטון. „פיו“—האָט דער רובל א פײַף געגעבן איבערן יאַר. און וואַסקאַ מיט פּאָסמיטיוכען זײַנען ווי פאַרשטיינערטע געבליבן אַף זייערע ערטער, די אויגן אַרײַנגעשטעקט אין וואַנט און מיט די בליקן זײַנען זיי אומגעלאָפן הין און צוריק. פּאָסמיטיוכעס

סלינעוואַטער מויל האָט זיך אַזש צעעפנט. די ייִנגלעך אינעווייניק זײַנען אויך פאַרגליווערט געוואָרן, זיי האָבן זיך צעשאָטן איבערן יאַר און פאַריסן די קעפּ אַרויף. מיקישאַ איז געשטאַנען צווישן די קוסטעס און האָט אומרויִק געפירט מיט די אויגן אין אַלע זײַטן און זיך צוגעהערט, צי פאַלט ניט דער רויבל אָ־דאָ, ערגעץ לעבן אים.

און מיטאַמאָל האָבן איִנעווייניק אַלע הויך אויסגעשריען; און וואַסקאַ האָט מיט איין רעגעלע פריער באַמערקט, ווי ס׳האָט זיך עטוואָס העכער פונעם „שוועל“ אופגעהויבן אַ גרינג רויכעלע פון דער טרוקענער ליים.

— אריבערגעוואָרפן! אריבערגעוואָרפן! נו, וואָס? אַפן שוועל איז ער געפאַלן! סט׳געזעען? געזעען?

פּאָסמיטיוכאַ האָט גאָרניט ניט געזעען.

— נו, טאָ קום אַראָפּ, קום! דאָרטן האָט מען גוט געזעען.

פונונטן האָבן טאַקע אינדערעמעסן אַלע געזעען, ווי דער רובל האָט זיך אָפּגעקלאַפּט עטוואָס העכער פונעם „שוועל“, עפּשער אַף איין אַרשין העכער, פונקט לעבן דער שפּערללאָך. די גאַנצע וואַנט איז געווען ווי צעעקבערט אין לעכלעך. אין די־אָ קײַלעכיקע לעכעלעך פלעגן שפּערלעך און אַנדערע קליינע פייגעלעך האָבן זייערע נעסטן.

— אָט, וואַסקאַ! שוין איינמאָל א יאָט! נו, איז דאָס א פײַער־פויגל! קיינער האָט דאָך נאָך ניט געקאָנט אַריבערוואַרפן. און ער האָט אַריבערגעוואָרפן, אי דעם קערבל ניט געזשאַלעוועט!

און זאַדיאָראַ מיט די האַנטווערקער האָבן אַרומגע־
רינגלט וואַסקען, מע האָט געבומען פּרוון זײַנע מוסקולן
אַפן האַנט; אַנדערע האָבן אַפילע געפּרווּט אַליין פאַר זיך
עפּעס איבערוואַרפן. וואַסקאַ האָט געשמייכלט מיט זײַנע
גרויע אויגן און אַלץ געהאַלטן אין איין עפּענען און פאַר־
מאַכן פאַסמיטיוכעס מעסערל. די פילקע האָט קײַלעכדיק
געקוקט פון קעשענע אַרויס.

IV

פאָסמיטיוכאַ איז זיך געלעגן אַפן בערגל, מיט די הענט אונטערן קאָפּ פאַרלייגט און האָט געקלאַפּט מיט זײַנע לאַנגע פיס אָן דער ערד. ער איז געלעגן און געקוקט אַלעמאָל אַף וואַסקען מיט א נעקאָמעדיק שמייכעלע.

— נו, וואָס, פײַער־פויגל,—האָט ער פלוצלינג אויסגע־רופן,—א גוט מעסערל? אָן עמעס, אַז ס'איז ווערט געווען פאַרוואָרפן פאַר אים דעם קערבל? איך האָב דאָך פאַר אים מיט נײַנקע מעזומענע געלט גאַנצע צוואַנציק קאָפּיקעס באַצאָלט. זאָל איך שטאַרבן אויב ניט קיין צוואַנציק קאָפּי־קעס!

וואַסקאַ האָט אים לאַנג אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט גע־שטאַנען און געקלערט וואָס מיט אים צוטון.

— און דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו האָסט באַצאָלט צוויי מיט א האַלבן רובל?—האָט ער זיך שטיל אָנגעע־רופן.

— אַף דערוף רעדט זיך דאָך עס, אַז נאַראָנים זאָלן גלויבן. אָט א פלעכטל!

— וואָרעם דו ביסט דאָך א שווינדלער פון אַלע יאָרן,—האָט זאַדיאָראַ אויסגעשריען.

— און דו, וואָס איז דײַן טאַטנס אייסעק?

— וואָס־זשע דרייסטו א קאָפּ? עפּשער וואָלט ער ניט געווען וואַרפן דעם רובל, ער זאָל געווען אַפּריער וויסן.

— דערפאַר איז ער דאָך א העלד, וואָס ער האָט אריבערגעוואָרפן. און אָט איצט זאָל ער עפּשער זיך צעוויינען און לויפן פאַרמאַסערן פאַר דער מאַמע. אָדער אויב ער איז שוין גאָר אַזאַ גרויסער מאַן, טאָ זאָל ער אַרופקריכן אַהין אַפן שוועל און נעמען זײַן רובל. ער קער דאָך דאָרטן ליגן.

און פאָסמיטיוכאַ האָט לאַכנדיק פאַריסן דעם קאָפּ צו דער וואַנט. פון דער ערד ביזן שוועל איז געווען א קלאַפּ־טער צען. אַלע האָבן דערוויַיל ניטווילנדיק א קוק געטון אַהין. ווי קען מען דאָרט קריכן! אַז ס׳איז א גלײַכע, אָפּ־געריסענע, הויכע וואַנט און געגנוג.

דאָס יאָ, פון באַרג איז געווען נעענטער צום שוועל, אינגאַנצן א פיר—פינף קלאַפּטער, אָבער ס׳איז אויך אַזוי הויך און גלײַך, נאָך שרעקלעכער ווי פונונטן.

וואַסקאַ איז אַלץ געשטאַנען און געקוקט אַרוף, און פאָסמיטיוכאַ איז געלעגן מיט א שמייכעלע און געקלאַפּט מיט די פיס.

— נו, וואָס, דו זעסט שוין עפּשער ווי ער ליגט ?—האָט ער געשריגן.—איך זאָג אײַך, יאַטן, אַ זעלטן קערבעלע גע־ווען. ס׳איז טאַקע זייער אַן אַווײרע. ע־עך, ווען איך וואָלט געווען אזא העלד, וואָלט איך טאַקע אַרופגעקראָכן... נו, וואָס-זשע קוקסטו נאָך אַלץ, פײַער־פויגל? שאַ, דו ביסט דאָך טאַקע א פויגל, טאָ נעם טו א פלי און זוך אָפּ.

אַנדערע יאַטן האָבן אָנגעקוועלט און געקוקט אַלעמאָל אַף וואַסקען. ס׳האָבן זיך געפונען אויך אַזעלכע, וועמען

ס׳האָט געאַרט די מײַסע, און פּאָסמיטיוכאַ האָט אַלץ גע־קוקט אַף די וואָס האָבן געקוועלט און האָט ווײַטער גע־שפּעט.

— זאַדיאָראַ, אַנו, טו נאָר אַ קוק, עפּשער איז שוין נאָס דאָס העמדל בײַ אונדזער העלד פון טרערן. גיב אים עפּ־שער דײַן העמד. ער קאָן נאָך אונדז איטלעכן דאָ דער־טרינקען. וויין ניט, פֿײַער־פֿייגעלע, וויין ניט. דער טאַטע וועט דיר קויפן אַ בייגעלע, וועט זײַן געזונט דײַן אייגעלע, ער וועט מיט האָניק אים באַשמירן און דיך אַהיים פֿאַר־פירן, און וועט אים אַליין אופעסן. און פֿאַרן קערבל וועט ער שוין דיר געבן אַכוץ האָניק מיט פעפער צוגעזאַלצן.

— אוי, זע נאָר, פּאָסמיטיוכאַ, ס׳זאָל זיך „דיר״ הײַנט ניט אָנעמען קיין האָניק מיט פעפער, — האָט זיך זאַדיאָראַ אָנ־גערופען און האָט בעייסמײַסע געכאַפּט אַ קוק אַף וואַסקען.

און וואַסקאַ אַזוי ווי ער וואָלט גאָרניט געהערט. ער איז אָפּגעטראָטן אַף עטלעכע שפּאַן, פאַריסן דעם קאָפּ אין דער הייך און אַלץ געפירט מיט די אויגן איבער דער וואַנט, פֿאַרשטעלנדיק מיט די הענט די זון.

—האַ, וואַסיאַ? האַ, ליבינקער? —האָט זיך פּאָסמיטיוכאַ אַזש אונטערגעהויבן. —דו קענסט זיך זאַט ניט אָנקוקן? קוק, מײַן קינד, קוק, אָן דאָ־אָרטן ליגט ער. אָן אַף יענעם־יענעם שוועלכנדל. פאַרגיי נאָך אַביסעלע פון יענער זײַט...

וואַסקאַ האָט ווירקלעך זיך פֿאַרקערעוועט אַביסעלע אין אַ זײַט.

— אָט אַזוי. קוק אַביסעלע פונדאַנעט. אָן דאָרטן. ווײַט־ווײַט אין דער הייך האָט ער זיך פאַרקײַקלט. ריכטיק, וואַסיאַ?

די ייִנגלעך האָבן שוין געלאַכט אַף א קאָל. אַפילע זאַ־דיאָראַ האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן און האָט אַ שמייכל געטון.

— עך, אָרעמער וואַסקאַ, ער האָט ערגעץ געפּאַקט א קערבל און האָט נעבעך גענומען און פאַרוואָרפן. איצט וואָלט ער זיך אַליין די הענט געביסן, איז אים אַ כאַרפּע. וואָס ווע סטו שוין דאָמאַכן? כמ! דוכט זיך, א העלד, נאָר דאָס קערבל איז ניטאָ.

וואַסקאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט פונעם שטערן און האָט א קוק געטון גלייַך פּאַסמיטיוכען אין די אויגן. צוליב דעם, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געקוקט אַרוף, אָדער צוליב עפּעס אַנדערש, זייַנען זייַנע אויגן געוועזן עפּעס מאָדנע: אַז מע וויל זאָגן, זייַנען זיי אויסגעקומען ווי בלינדע, און אַז מע וויל זאָגן, זייַנען זיי געוועזן זייער קלאָרע; און אַליין האָט ער עפּעס אויסגעזען אַזוי בלייך, אַז די קלייַען זייַנען אים אַזוי ווי קליינע בערגעלעך אַרויסגעשפּרונגען אפן נאָז און די האָר האָבן פייַער־פלאַם געברענט איבער זייַן ווייַסן, ווייַסן שטערן.

— נו, וואָס? — האָט זיך פּאַסמיטיוכאַ אָנגערופן, — געזעען ווו סע ליגט? איוב דו ביסט שוין יאָ אַזאַ בעריע, טאָ קריך אַרוף און דערלאַנג אים. דאָס איז, ברודערקע, קייַן קונץ ניט זיך צעלאָזן און א שמייך טון. אַזעלעכס קען יעדער נאָר אופטון. ווען קיינער זשאַלעוועט ניט קייַן געלט, וואָלט יעדערער געקענט אַלע טאָג נעמען און וואַרפן זייַנע געלט איבערן יאַר. אַזעלכע קלוגע ווי דו זייַנען, ווייַזט אויס, קייַן סאַך ניטאָ. אָבער פּרווו אָט איצט זייַן א בעריע און גיי נעם אים אַראָפּ, אָט וואָס. אָט איצט וואָלט איך זיך מיט

דיר אַף וואָס דו ווילסט געוועט. ניין, דו פּרוּוו אָט דאָ בּאַ מיר געווינען! און דאָס האָסטו אויסגעשפּילט אַ פּאַרשיוון מעסערל און מאַכסט זיך גרויס מיט דעם, פלעכטל דו אַזוינס.

— נו, אין געוועט...—האָט זיך וואַסקאַ פלוצלינג אָנגערופן. ער האָט עס אַ זאָג געטון גאַנץ שטיל, ווי ער וואָלט געוועזן זייער רויִק, נאָר אַזוי ווי הייזעריקלעך אַביסעלע, אַזוי אַז ער האָט נאָכדעם עטלעכע מאָל זיך אָפּגעהוסט. און אַליין האָט ער נאָך קאַם־קאַם בּלייכלעך אַ שמייכל געטון.

פּאָסמיטיוכאַ האָט עס אַף דער פרישער רעגע אפילע ניט פּאַרשטאַנען:

— אַף וואָס אַ געוועט? אַז דו וועסט דערלאַנגען דעם רובל?

— נו, יאָ.

פּאָסמיטיוכאַ האָט אַף אים אויסגעראַטשעט די אויגן.

— אָט יענעם אָ, וואָס ליגט דאָרטן?

— נו, יאָ!

פּאָסמיטיוכאַ האָט אַ קוק געטון אַף דער שרעקלעך־הויכער וואַנט און אַף וואַסקען, ווייטער אַמאָל אַף דער וואַנט, דערנאָך אַף די ייִנגלעך. יענע האָבן אויך אַ קוק געטון אַף דער וואַנט, אַף וואַסקען און אַף פּאָסמיטיוכען און האָבן גאָרניט ניט פּאַרשטאַנען. צי האָט ער זיך אָפּטמאָל ניט געעירט וואַסקאַ, אָדער ער שפּאַסט נאָר און דרייט אַ קאָפּ.

— אָט יענעם־אָ רובל, וואָס דו האָסט פּאַרוואָרפן?! אָט דאָרט־אָ?!

— יאָ, יאָ!

פּאָסמיטיוכאַ האָט פאַרשטאַנען: דאָס וויל ער, הייסט עס, אַזוי אָנשרעקן, אַז ער זאָל בלײַבן פונויבן.

— נו, איז פאַרוואָס ניט? לאָמיר... — האָט ער זיך אָנגערופן אַזוי ווי גאַנץ ערנסט.

— וואָס לייגסטו אײַן? — האָט וואַסקאַ געפרעגט. אין האַלדז איז אים ווידער געוואָרן ענג און; ער האָט זיך ווײַטער אַמאָל פאַרהוסט. די אויגן זײַנען אים געוועזן אַלץ אַזעלכע מאָדנע, לויטערע, קלאָרע, און די ליפּן בלייכע, אַזש בלוילעכע

— וואָס דו ווילסט, אפילו די שוואַרץ־ראַבע, און דו—וואָס?

— און איך...

וואַסקאַ האָט אַ טאַפּ געטון די קעשענע: דאָרטן זײַנען געלעגן דאָס מעסערל און די פּילקע.

— נו, און איך לייג אײַן דעם לעוואָלוערט.

אינדערהיים בא וואַסקען אפן בוידעם איז געלעגן באַהאַלטן אַ קליינער און שיינינקער רעוואָלווערל. וואַסקאַ האָט אים געפונען אף די שפּאַלן. בעשאַס ער איז דאָס ערשטע מאָל געגאַנגען זיך באָדן צו דער שוואַרצער „סקעליע" האָט אים שוין מיקישעס ברודער דער פּאָטשטאַליאָן געגעבן דרײַ רובל פאַר אים, און וואַסקאַ האָט ניט געוואָלט.

— גוט, גיב אַהער דעם לעוואָלווערט... — איז פּאָסמיטיוכאַ מוסקום געוואָרן, — נאָר געדענק, ס'זאָל זײַן אף דערעמעסן, דו וועטסט זיך דאָך אַף געוויס? זאָלסטו נאָך דערנאָך ניט זאָגן, אַז...

— גיב די האַנט... — האָט זיך וואַסקאַ אָפּגערופן און האָט אַ שפּאַן געטון צו פּאָסמיטיוכען מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט.

פּאָסמיטיוכאַ האָט זיך אַ שטעל געטון אַף די פּיס און האָט אים געשווינד דערלאַנגט זײַן האַנט.

— וואַרט! — האָט ער אויסגעשריען, האַלטנדיק פעסט וואַסקעס האַנט און האָט זיך אַ קער געטון צו די ייִנגלעך, — יאַטן, קוקט זשע, איר זענט איידעס. אָט זאָגט ער, אַז ער וועט דערלאַנגען דעם שוועל, אַן־אָ פונדאַרטן, פון יענער וואַנט, פון דאָרטן־אָ, וועט ער דערלאַנגען דעם קערבל וואָס ער האָט פאַרוואָרפן! אַזוי?

— אַזוי! אַזוי! — האָבן אייניקע געענטפערט. די איבעריקע האָבן געשוויגן און געקוקט אף וואַסקען, וואָס וועט ער זאָגן.

— אַזוי, וואַסקאַ? — האָט זיך פּאָסמיטיוכאַ אויך צו אים אַ קער געטון.

— אַזוי, — האָט וואַסקאַ אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— אָ! איר הערט? נו, איז אויב ער וועט דערלאַנגען, דאַרף איך אים אָפּגעבן מײַנע אַ פּאָר שוואַרץ־ראַבע.

— די, וואָס מיט די בלויע העלדזעלעך... — האָט זאַדיאָראַ אַרײַנגעשטעלט.

— די, וואָס מיט די בלויע העלדזעלעך, קיין אַנדערע האָב איך ניט, פלאָכט איינער.

— וואָרעם דו קענסט נאָך קויפן פאַרשיווינקע און פאַרבײַטן, זשוליק דו...

פֿאָסמיטיוכאַ האָט מיט אַ שטעל אַ קוק געטון אַף זאַ־דיאָרען און האָט אַ קלער געטון, דאָס איז טאַקע ניט קיין שלעכטער געדאַנק.

— דו ביסט אַליין אַ זשוליק. נו, און אויב ער וועט ניט דערלאַנגען, גיט ער מיר זײַן לעוואָלווערט דעם בולדאָג. ריכטיק?

— ריכטיק...—האָט נאָכאַמאָל וואַסקאַ אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— זעט־זשע, יאַטן! שלאָגט איבער די הענט!

אַ צוויי־דרײַ האָבן זיך אַ צי געטון פֿון די רעדלעך און איבערגעקלאַפּט וואַסקעס מיט פֿאָסמיטיוכעס אופגענומע־נע הענט.

דערנסטמאָל האָט פֿאָסמיטיוכאַ אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און פֿריילעך אויסגעשריגן:

— נו, האָבן מיר שוין, הייסט עס, אַ לעוואָלווערטשיק, אַ נישקאָשעדיק שטיקל סכוירע, אַ רובל זעקס וועט מען געוויס געבן. אַ זעקס־קוילנדיקער. דערלאַנג, וואַסיאַ, דעם רובל. נו? לאָמיר זיך לייגן, כעוורע, אַף דער ערד און אַכטונג געבן, ווי דער פֿײַער־פויגל וועט באַלד פֿליען אַפּן וואַנט.

וואַסקאַ האָט ניט געהערט. ער האָט אָפּגעפּירט זאַדיאָ־רען אין אַ זײַט און האָט זיך מיט אים עפּעס געסוידעט, פֿון מאָל צו מאָל האָט ער עפּעס באַוויזן מיט דער האַנט אפּן וואַנט; זאַדיאָרא האָט אויך אַהין געקוקט און צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ. און ס׳געווען קענטיק אַף זאַדיאָרעס פּאָנים, אַז ער וווּנדערט זיך אלץ מער און מער.

— ע-ע, קײַן קישעף אָנטון טאָר מען ניט! — האָט פּאָ־סמיטיוכאַ אויסגערופן מיט אַ געלעכטער.

זאַדיאָראַ האָט נאָכאַמאָל אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און האָט אָנגערוקט דאָס קאַשקעטל איבער די אויגן און מיטן גאנצן קויעך זיך געלאָזט לויפן מיטן טאָל, וואָס פירט אַרויס פון יאַר, און וואַסקאַ האָט זיך צוגעלייגט אף אַ בערגעלע, זיך פאַרשטעלט מיטן עלנבויגן פון דער זון, און האָט פון דער גרינג געגומען אונטערברומען אַף א קאָל: „האָט געזאָגט דעם זון די מאַמע".

פּאָסמיטיוכען און די ייִנגלעך האָט עס זייער גע־כידעשט.

— טאָ וואָס־זשע איז עס פאַר אַ מײַסע, פײַער־פויגל? פאַרוואָס־זשע גייסטו ניט דערלאַנגען?

— איך וועל דערלאַנגען!

— וואָס־זשע האָסטו זיך אַנידערגעלייגט?

— אָט אַזוי זיך. אָט וועט באַלד זיך אומקערן זאַדיאָראַ פון שטאָט, וועל איך דענסטמאָל אַראָפּנעמען.

— נאָך וואָס־זשע איז ער אַהין אַוועקגעלאָפן?

— וואָס איז דײַן הינטיש אייסעק?

— כמ, עפּעס האָבן זיי זיך דאָ אופגענומען אַ געשעפט! זיי קענען נאָך, ווער ווייסט, טאַקע אינדערעמעסן דערלאַנ־גען דעם רובל.

פּאָסמיטיוכאַ איז געוואָרן אומרויִק.

— ווי אַזוי־זשע וועסטו אים דערלאַנגען?

— דו וועסט שוין דענסטמאָל זען.

אין דערזעלבער מינוט האָבן זיך זאַדיאָרא מיט מיקי־שען באַגעגנט באַם אַראָפּ־באַרג.

זיי האָבן זיך עפּעס דורכגעשמועסט צווישן זיך און האָבן זיך ביידע גענומען דראַפּען אפן באַרג. אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען זײַ ביידע פאַרשוווּנדן געוואָרן. און וואַסקאַ איז געלעגן, געשמייכלט פון דער גרינג, זיך אונטער־געזונגען.

— אַף מײַן וואָרט, ער האָט שוין טאַקע עפּעס צו־געטראַכט!

V

אָבער וויפל פּאָסמיטיוכאַ און די ייִנגלעך האָבן זיך ניט דערפרעגט, האָבן זיי זיך בּאַ וואַסקען גאָרניט געקענט דערוויסן. ווי דען, דו ווערסט עפּשער בּאַם געלן שעד עפּעס אַרויסשלעפּן? ער איז אַזוי אויך געווען ניט קיין פּייער־פייגל, נאָר אַ פּייער־פיש: רעדן האָט ער אינגאַנצן ניט געקענט, און דאָ האָט ער נאָך אומיסטנע ניט גע־וואָלט.

— וואַסקאַ, זאָג שוין! האַ! אָט, שפּערל פּאַסקודנער. דו וועסט זאָגן, געלער דו?... זאָג כאָטש, אַוווהין זײַנען עס אַוועקגעלאָפן זאַדיאָראַ מיט מיקישען?

וואַסקאַ איז זיך געלעגן און געריצט מיט אַ גרעזעלע עפּעס אַ מוקל אין גראָז. דאָס מוקל האָט זיך אַזוי לעבער־לעך געזעצט אַף די הינטערשטע פיסלעך, זיך געקאַסט און אַלעמאָל זייער בּייז געכאַפּט מיט די קלעמערלעך דאָס גרעזל.

— האָוו, האָוו!! היי, היי, היי!! — האָט מיטאַמאָל פון בּאַרג אַ געשריי געטון זאַדיאָראַ און מיקישאַ. בּאַ זאַדיאָ־רען איז עפּעס אַפּן האַנט געווען אָנגעוויקלט. ער האָט געהויבן מיט דער־אָ האַנט און עפּעס געשריען.

וואַסקאַ האָט זיך גלײַך אַ שטעל געטון אַף די פיס און אַ ווונק געטון צו פּאָסמיטיוכען.

— נו, קום, מיר גייען.

— וווהין איז? און דעם רובל דערלאַנגען?

— יאָ, יאָ, דאָס מיין איך טאַקע דעם רובל דערלאַנגען.

מער האָט ער גאָרניט געזאָגט און איז אַוועקגעלאָפן צום באַרג. דאָ האָט מען שוין גאָרניט געקענט העלפן. מע האָט געמוזט לויפן אַלע נאָך אים.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בּאַ זאַדיאָרען אַפן האַנט איז געהאַנגען, ווי אַ גראָבער בּייגל, אָנגעוויקלט אַ שטריק. און דאָרטן אַפן באַרג ערשט האָט וואַסקאַ דערציילט, ווי אַזוי סאַמע ער וויל עס דערלאַנגען דעם רובל.

דאָס איז, פאַרשטייט איר מיך, גאָרניט קיין גרויסער קונץ, — מע דאַרף נאָר האָבן אַ קאָפּ אַף זיך און מ'דאַרף זיך אָנשטויסן. ער וועט נעמען די שטריק און וועט זי גוט-גוט צובּינדן צו אַ קוסט; וואָס ס'איז פּונקט איבערן שוועל, דעם צווייטן עק שטריק וועט ער אַראָפּלאָזן אַראָפּ, און דערנאָך וועט ער אַף דער-אָ שטריק זיך אַליין אַראָפּלאָזן אַף דעם „שוועל". דאָרטן וועט ער געפינען דעם קערבּל, וועט אַ שפּיַ טון אַראָפּ אין יאַר אַריַין און וועט מיטן קערבּל אין קעשענע צוריק אַרופקריכן אַפן באַרג. אָט דאָס איז אינגאַנצן.

וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו ריידן, — דער סייכל איז טאַקע דאָ זייער אַ פּאָשעטער, אָבער אַז די יינגלעך האָבן אַ קוק געטון אַף דער הייכעניש פון דער ליים-וואַנט, און אַז זיי האָבן אַ מעסט געטון מיט די אויגן די טיף פון עם יאַר, האָבן זיי מיט שרעק און ניט-גלויבן זיך אומגעקוקט אַף וואַסקען.

— דו זאָגסט אַ ליגן. ניט-שוין-זשע וועסטו קריכן?!

— נו, וואָס־זשע דען? ס'זאָל דאַרטן פֿאַרפֿאַלן ווערן דער קערבל? און פּאָסמיטיוכאַ זאָל אויסשפּילן דעם געוועט?

און ווײַטער זײַנען וואָסקעס אויגן געוואָרן ווי ניט קײַן זעענדיקע, די ליפּן בלייכע, און דער קאָל אַ הייזעריקער. ער האָט צוגענומען פֿון זאַדיאָרעס הענט די שטריק, זי פֿאַרוואָרפֿן אַף די פּלייצעס און איז אַוועק פּאָרויס אַף יענער זײַט יאַר. די ייִנגלעך האָבן שעפּטשענדיק זיך איינער מיטן אַנדערן זיך געלאָזט נאָך אים.

ניין, ווײַזט אויס, אַז עס איז געווען ניט אַזוי פּראָסט, ווי ס'האָט זיך פֿון ווײַטן אויסגעוויזן. קוידעמקאָל, צוביַנדן דאָס שטריקל צו אַ קוסט איז געווען אומעגלעך, ווײַל עס האָט געקענט זיך אַראָפּגליטשן פֿון קוסט. די קוסטיקעס אַליין זײַנען געווען עפּעס נישטיקע, שיטערינקע אַזעלכע, זיי קענען זיך נאָך אַרויסרײַסן מיטן וואָרצל און מיט וואָסקען איינײנעם פֿליען אין יאַר אַרײַן.

און דאָס וויכטיקסטע וואָס איז געווען איז דאָס, וואָס ס'איז אַזאַ שרעקלעכע הייכעניש. אַפֿן האַרצן און אין בויך פֿלעגט עפּעס ווערן אַזוי אומעטיק, נודנע און שווער, אַז מע פֿלעגט אַ קוק טון אַראָפּ. די פֿיס ווערן ווייכע און ברעכן זיך אונטער, די הענט ווערן שוואַך, און איבערן גאַנצן לײַב לויפֿט דורך אַן עמעסער, מלאָשנער גרויל אַף צום כאַלעשן. אַנדערע פֿון די יאַטן, וואָס האָבן זיך פֿאַרקוקט אין יאַר, האָבן זיך געשווינד אָפּגערוקט אַף צוריק און זיך צעזעצט אַף דער ערד,— זיי האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט וועט זיי אַהין אַ שלעפּ טון עפּעס אַ קויעך אַזאַ. און איינער פֿון די האַנטווערקער, נאָך גאָר אַ קליין ייִנגל, האָט אַ קוק געטון אַראָפּ און איז אַזוי בלייך געוואָרן, אַז

ער האָט מיט אַ געוויין זיך אַ וואָרף געטון צו וואַסקען און, אָנכאַפּנדיק אים מיט ביידע הענט, האָט ער אים גע־שלעפּט ערגעץ, צי ער האָט אים ניט געוואָלט לאָזן ער־געץ און האָט אַלץ פאַרקרימטערהייט געשריגן:

— מע דאַרף נישט, מע דאַרף נישט! איך וויל נישט, איך וויל נישט!

באַ אַנדערע קינדער האָבן שוין זיך אַפילע גענומען קרימען די פּנימער און די אויגן זייַנען געוואָרן פולע מיט טרערן. אָבער וואַסקאַ איז זייער אין קאַס געוואָרן, האָט אַ שטויס געטון דעם קליינעם פון זיך. — ער איז מע־שוגע דאָס ייִנגל, צי וואָס? — און וואָס דאַרפן דאָ די פּרעמדע? דאָ איז אַ טעאַטער־שפּיל, צי וואָס פאַר אַ רועך?

די האַנטוועריקער האָבן אָפּגעפירט אָן אַ זייַט דעם קליי־נעם ייִנגל און האָבן זיך אַליין אויך אַביסל אָפּגערוקט.

פּלוצלינג האָט זאַדיאָראַ אַ כאַפּ געטון וואַסקען פאַרן אַרבל און אים אָפּגעשלעפּט אָן אַ זייַט.

— ווייסט וואָס, וואַסקאַ, — האָט ער אים סוידעסדיק און הייס אַ שושקע געטון, — לאָז, איך וועל, ווייסטו וואָס, איך וועל איבעריידן מיט פּאָסמיטיוכען. ער וועט זיך אָפּ־זאָגן, אַף מייַן וואָרט, ער וועט זיך אָפּזאָגן, איך דערקען שוין אין אים. כאַפּט אים דער רועך, וואַסקאַ. ווייסט, לאָ־מיך ניט דערלעבן מאָרגן, מע דאַרף ניט.

וואַסקאַ האָט שוין אופגעצויגן די ליפּן אין אַ דין בייַ־וועלע: ער האָט שוין אופגעצויגן! אַליין איז ער אָבער גע־וועזן בלייך, ווי די וואַנט, און אַז ער האָט אַ קוק געגעבן אַראָפּ, האָט ער זיך אַזש פון דער גרינג אַ וואַקל געטון

צוריק — זאַדיאָרא האָט עס געזעען, — אָבער די ליפּן האָט ער ווײַטער שטרענג אויפגעצויגן.

— אַף מײַן וואָרט, וואַסקאַ. פּאָסמיטיוכאַ וועט זיך אָפּזאָגן, און דערנאָך ווייסטו וואָס מיר וועלן טון? מיר וועלן אַרײַנטראָגן דײַן לעוואָלווערט צו מיקישעס ברודער און ער וועט דיר געבן פֿאַר אים דרײַ רובל. און, ווייסט, מיר וועלן אים בעטן, ער זאָל אונדז געבן איינעם אַ נײַינקן קערבל. און ער וועט געוויס געבן. אָט וועסטו זען, ער וועט קריגן אַזאַ אַפּן פּאָטשט. באַ אים זײַנען פֿאַראַן אַסאַך נײַע קערבלעך. פֿרעג מיקישען.

וואַסקאַ האָט שווײַגנדיק אויסגעהערט, ער האָט געקוקט צו דער ערד און מיט די פֿינגער פֿון דער פֿוס האָט ער געדלובעט אַ טרוקן שטעקעלע אַף דער ערד. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אָנגערופֿן:

— דאָס שטריקל דאַרף מען ניט בינדן צו קײַן קוסט, נאָר אָן, פֿאַר יענער בערעזקע קען מען.

אַף אַ קלאַפּטער ווײַטער פֿון די קוסטעס איז געוואָקסן אַ דינינקע בערעזקע. עפּשער אין צווײ ייִנגלשע הענט די גרעב. דאָס ביימל איז אַזוי ווי אָפּגעלאָפֿן פֿון דעם קליין וועלדל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַהינצו אַביסעלע ווײַטער, און האָט ווי געוואָלט צולויפֿן אַ קוק טון צום יאַר, איז אָבער ניט דערלאָפֿן און געבליבן דאָ שטיין איינער אַליין.

מער האָט וואַסקאַ גאָרניט געענטפֿערט אַף זאַדיאָרעס רייד. ער איז אַוועק בינדן דאָס שטריקל צו דער בערעזקע. און גיי רייד מיט אים!

— ס׳וועט דאָך ניט סטײַען קײַן שטריק ביזן שוועל, אויב דו וועסט צובינדן צו דער בערעזקע...—האָט זאַדיאָראַ מיט קאָעס זיך אָנגערופֿן.

וואַסקאַ האָט געמאַכט אַ גוטן, פֿעסטן שלייף און האָט אים פֿאַרצויגן אַף דער בערעזקע. געטון האָט ער אַלץ זייער פּאַמעלעך און לײַכט, אַזוי ווי אין דרימל אָדער פֿאַרקלערטערהייט. אויך אַזוי האָט ער צוגעטראָגן דעם צווייטן עק שטריק צום יאַר און האָט אים אַראָפּגעוואָרפֿן אַהין. די וואַנט איז געווען אָנגעבויגן ווי אַ פּאָדקאָווע, וואַסקאַ איז צוגעגאַנגען צום ברעג וואַנט, זיך אַנידער־געלייגט אַף דער ערד און האָט אַ קוק געטון אַראָפּ. פֿון דאָרט האָט מען זייער גוט געקענט זעען דעם שוועל. דאָס שטריקל איז געלעגן אופגעדרייט ווי אַ קישקע אַף די קוּ־סטעס מאַלאָטשײַ. הייסט עס, אַז דאָס שטריקל סטײַעט. און דער שוועל אַליין איז געווען די ברייט אַף אַ פּאָר שפּאַן,— ניט נאָר ז׳יך שטעלן, נאָר אפילע לייגן זיך אַף אים האָט מען געקענט. אַראָפּ האָט וואַסקא זיך געסטאַרעט ניט קוקן. דערנאָך האָט מען אַ פּרווו געטון דאָס שטריקל: מע האָט עס אָנגעצויגן, און אלע האָבן אָנגענומען באַם עק און גענומען שלעפּן. די בערעזקע האָט זיך אַזש אַ טרייסל גע־טון, אָבער דאָס שטריקל האָט אפילע קײַן טרישטש ניט געטון.

קען מען שוין, הייסט עס, זיך אַראָפּלאָזן.

וואַסקאַ האָט ווײַטער פּאַוואָלי אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דאָס העמדל, האָט אַנידערגעלייגט אַף איר דעם פּאַס מיט די היטל, זיך פֿאַרגאַרטלט נאָך שטײַפֿער און האָט זיך אַרומגעבונדן אונטער די פּאַכוועס און אַרום גאַרטל מיטן עק פֿון דער שטריק,—מאלע וואָס ס׳מאכט זיך.

פֿאָסמיטיוכאַ האָט שוין פֿון אויבן ניט געלאַכט. דאָ איז שוין געווען ניט צום לאַכן — ער איז זיך געשטאַנען אָן אַ זײַט און שווײַגנדיק נאָכגעקוקט נאָך אַלץ, וואָס ס'האָט זיך דאָ געטון. און די ליפּן זײַנען באַ אים פֿונפּאָרנט געווען אַזוי נאַס, פּונקט ווי פֿון אינעווייניק. אַנדערע ייִנגלעך זײַנען אָנגעגאַנגען צום ברעג פּאָדקאָווע מע זאָל פֿון דער זײַט קענען קוקן. זאַדיאָראַ, מיקישאַ און נאָך ווער פֿון די האַנטווערקער זײַנען געבליבן דאָ אַף העלפֿן וואַסקען.

אָבער מיט וואָס האָבן זיי אים דאָ געקענט העלפֿן? וואַסקאַ האָט זיך נאָר געדאַרפֿט אָנכאַפּן פֿאַר דעם שטריקל און זיך אַראָפּלאָזן—אויב ער וועט זיך אַליין העלפֿן, איז גוט, נאָר אויב ס'וועלן באַ אים אָפּגעשוואַכט ווערן די הענט, אָדער ער וועט זיך דערשרעקן, וועט שוין דאָ גאָט אויך ניט העלפֿן.

און ווי אַזוי זאָלן ניט אָפּגעשוואַכט ווערן די הענט, אַז מע ליגט אַף דער ערד און מע שטעקט נאָר אַרויס דעם קאָפּ אַף אַ קוק טון אַפֿן יאַר, ווערט אַזוי שרעקלעך, אַז ס'ווערן ווייך די הענט, אי די פֿיס, אי דער קאָפּ, און אונ־טערן האַרצן הייבט אָן אַזוי ציען, אַז די פּלייצעס הייבן אַזש אָן וויי טון.

וואַסקאַ האָט זיך געשטעלט אַף די קני איבערן יאַר און געגעבן אַ קוק אַראָפּ, אָבער ער האָט באַלד זיך אָפּגערוקט און טיף אָפּגעאָטעמט, ווי ער וואָלט זיך פֿאַרכלינעט. דאָס פּאָנים איז באַ אים געווען גרוי, און די קלײַען האָבן ווי טראָפּנדלעך הירזש זיך געטונקלט אַפֿן נאָז.

— וואַסקאַ, טו אַ שפּײַ, מע דאַרף ניט! — האָט זאַדיאָראַ מיט אַ וויינענדיקן קאָל אויסגעשריען און אַף אַלע פיר אַוועקגעפּויזעט צו וואַסקען.

— מע דאַרף ניט, וואַסקאַ!...— האָט מיקישאַ זיך אומרויִק און כאָמכענדיק אָנגערופן, — אַף מײַן וואָרט, מע דאַרף ניט... נו, וואָס וועלן זיי... דאָ איז דאָך אַזוי, אַז...

מיקישאַ האָט מער גאָרניט געקענט זאָגן, אָבער דאָס וואָס ער האָט געזאָגט, איז געזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ קאָל, אַז אַפילע אַ שטיין, אַ ביינערנע הענטל וואָלט זיך גערירט פון אָרט, ווען זיי זאָלן קענען עפּעס פאַרשטיין.

אָבער וואַסקען האָט עס נאָך אַזוי ווי בעסער אַ שטויסגעטון, ער האָט זיך אַ דריי געטון, ווי עמעצער וואָלט אים אַ שטאָך געטון און נאָך שטאַרקער אופגעפּרעסט די ליפּן, די אויגן זײַנען געוואָרן שטעכיקע, בייזע, גלעזערנע. ער האָט זיך געשווינד אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צום יאַר, זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַר דעם שטריקל און אַוועקגעפּויזעט צום יאַר. אַפן סאַמע ברעג האָט ער אַראָפּגעלאָזט די פיס אַראָפּ און גענומען פּאַוואָלי בײַטן די הענט, אַראָפּרוקנדיק זיך אַלץ נידעריקער און נידעריקער. די ערד און די ליים האָבן זיך מיט אַ ראַש גענומען אָפּשיטן אונטער זײַנע פיס.

זאַדיאָראַ, מיקישאַ און אַלע איבעריקע כעוורע זײַנען אינדערגיך איבערגעלאָפן צו די, וואָס זײַנען געלעגן בײַ דער זײַט, און זיך געלייגט גלײַך מיט זיי; זיי האָבן אַרויסגעשטעקט צו איינע קעפּ און גענומען קוקן אַף וואַסקען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, ניט רירנדיק זיך פון אָרט.

וואַסקאַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לאַנגזאַם, מיט איין האַנט האָט ער זיך פּאַמעלעך געגליטשט איבער דעם שטריקל, און מיט דער אַנדערער זיך שטײַף אָנגעהאַלטן. זײַן גאַנצער קערפּער האָט זיך געוויגט ווי אַן עמער אײַ־בער אַ ברונעם און זיך געריבן אָן דער וואַנט. אַף זײַנע געלע האָר זײַנען שוין געלעגן הרודקעלעך ליים, און פאַרן אויער, ווי אַ פען בײַ אַ שרײַבער, איז געהאַנגען אַ ריטעלע טרוקן ווילד־גראָז. די ייִנגלעך האָבן געזעען, ווי וואַסקאַ האָט אָפּגעפּינטלט מיט איין אויג, ווײַזט אויס, אַז ס'האָט אים פאַרטרייסלט. די אויגן זײַנען בײַ אים געווען ווי ניט קײַן זעענדיקע, אָנגעשטרענגטע, אויסגעראַטשעטע ווי בײַ טויטע. אַך, ער זאָל כאָטש ניט קוקן אַראָפּ! ער קען נאָך, גאָט בײַהיט, אַ קוק טון! און צו דעם שוועל איז נאָך דאָ עפּשער צוויי קלאַפטער. און וואָס וועט זײַן, אַז דער שוועל וועט זיך אָפּוואַלגערן? וועט וואַסקאַ בלײַבן הענגען און זיך דערשטיקן אַפן שטריקל. ווען ער זאָל נאָר ניט קוקן אַראָפּ. אָט יענער גרויסער שטיין דאָרטן, אין טאָל, דוכט זיך אויס פונדערווײַטנס אַזאַ קלייניטשקער, און דער גאַנצער יאַר אַזאַ פרעמדער, אַזאַ שרעקלעכער, אַז וואַסקאַ וועט זיך ניט אופּהאַלטן. קיינער וואָלט זיך ניט אופּגעהאַלטן.

קעדיי אָפּצורוען אַ רעגע, האָבן די ייִנגלעך פון מאָל צו מאָל אָפּגעפירט די אויגן פון וואַסקען אַף דער שטאָט. ראַכוועסדיק ברייט איז זי געלעגן צעוואָרפן אין דעם סטעפּישן טאָל. און־יעצט איז געווען אַזוי ליב, אַזוי גרינג עפּעס און אַזוי אומעטיק קוקן אַף דער מיט זון באַגאָסענער, רו־יקער ברייט. אָן דאָרטן בלישטשעט, ווי שטענדיק, פרײַ און קלאָר דער קלויסטערשער קופּאָל, וואָס איז פונווײַטן ענ־

לעך אַף אַ גרויסער ציבעלע, בּאַ וועלכער ס׳איז אַנשטאָט דעם ווײדל אָנגעוואַקסן אַ גרויסער ציילעם, אַפּן וואָקזאַל האָבּן ווי נאָדל־פּונקען געבּלישטשעט די רעלסן. סע גרײַז־לען זיך דאָרט די סעדער צווישן די ווײַסע הײַזער־ווענט, און איבּער דעם אַלעמען האָט זיך אָן אַן עק ווײַט צעוויקלט אַ הויכער, דורכזיכטיקער וואָרעמער הימל מיט אַ בּלענדנ־דיקער, בּרענענדיקער זון אינדערמיט. און ס׳האָט זיך ניט געגלויבּט, אַז דאָ איבּערן טיפן יאַר טעלעבּענדעט זיך וואַסקאַ אַף אַ שטריקל און יעדער מינוט קען זיך מיט אים טרעפן עפּעס שרעקלעכס.

און וואַסקאַ האָט זיך דערוויַל געררוקט אַלץ נידערי־קער און נידעריקער. ווײַזט אויס, אַז די הענט האָבּן שוין אים אָנגעהויבּן ווערן מיד און צעכאַלעשט, ווײַל ער האָט שוין מיט זיי ניט געבּיטן, נאָר געהאַלטן זיך און אַזוי זיך געגליטשט. קײַן פּאָנים האָט מען שוין ניט געזען. ס׳האָבּן זיך נאָר געררויטלט געלע, מיט ליים פאַרשאָטענע האָר אַפּן פּאָטיליצע און ווײַסע פאַרשטויבּטע פּלייצעס.

פּלוצלינג האָט ער זיך אַף אַ רעגע פאַרהאַלטן, ער האָט פאָרזיכטיק אַ קער געטון דעם קאָפּ אין אַ זײַט און אַ קוק געטון אַראָפּ — דערנאָך האָט ער געשווינד גענומען בּײַטן די הענט און ענדלעך זיך טאַקע אַנידערגעשטעלט מיט בּיידע פיס אַף דער שוועל.

די ייִנגלעך האָבּן טיף אָפּגעאָטעמט.

— דו שטייסט פעסט, וואַסקאַ? — האָט זאַדיאָראַ זיך ניט אײַנגעהאַלטן און אויסגעשריען.

וואַסקאַ האָט זיך געהאַלטן מיט איין האַנט פאַר דעם שטריקל און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אָנגע־

צויגן דעם אַרבעל און געגומען ווישן דעם פאַרשוויצטן מיט ליים פאַרשאָטענעם פּאָנים. אַרומגעווישט זיך, האָט ער פאָרזיכטיק, ניט אַרויסלאָזנדיק דאָס שטריקל פון האַנט, גענומען טאָפּטשען מיט דער פוס איבער דעם שוועל אין איין זײַט, אין דער צווייטער זײַט. דאַן ערשט האָט ער פאַריסן דעם קאָפּ אַרויף און געפינענדיק מיט די אויגן די ייִנגלעך, האָט ער הייזעריק אויסגעשריען:

— פּעסט!

VI

נו, אָט איצט האָט מען שוין, פאַרשטייט זיך, געקענט זוכן דעם קערבל.

וואַסקאַ האָט אַביסל אָפּגערוט. ער האָט זיך צוגעטו־ליעט מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט, דערנאָך האָט ער גענומען מיט איין פוס פאַנאַנדערשאַרן די קוסטעס מאָלאָ־טשײַ און שטאַרק זיך גענומען אײַנקוקן צווישן זיי.

— וואַסקאַ, האָט זאַדיאָראַ אויסגעשריען, — טו נאָר אַ קוק דאָרטן לעבן לעכל. ער האָט זיך אָפּגעשלאָגן דאָרט לעבן סאַמע גריבעלע. צי איז ער דאָרטן אָפּטמאָל ניט פאַרשאָטן געוואָרן אין דער ליים?

וואַסקאַ האָט זיך אָפּגעבויגן מיטן גאַנצן קערפּער פון וואַנט און האָט זיך גענומען אײַנקוקן, און טאַקע אַהינצו ווײַטער אַ קאַפּעלע איז געווען אַ קײַלעכיק לעכעלע און אַ ברעגעלע פון דעם לעכעלע איז געווען ווי מיט אַ מע-סער נאָר־וואָס אָפּגעשניטן. מע זעט, אַז ס׳איז נאָך זייער פריש, ווײַזט אויס, אַז דער קערבל איז אַרײַנגעפאַלן אין לעכל און ליגט זיך דאָרטן.

וואַסקאַ איז צוגעגאַנגען אַביסעלע נעענטער. ער האָט זיך אָנגענומען שטאַרקער מיט דער לינקער האַנט פאַר דעם שטריקל, און די רעכטע האָט ער גענומען זייער

פאָרזיכטיק רוקן אין לעכל, קעדיי ניט צו פאַרשאַרן דעם קערבל, אויב ער ליגט נאָך דאָרטן.

די יינגלעך האָבן נייַגעריק, אָן אָטעם נאָכגעקוקט נאָך זייַן יעדער ריר. זיי האָבן שוין אַפילע פונעם יאָר פאַר־געסן און ניט געפילט די שרעק. פּאָסמיטיוכאַ איז אויך געלעגן גלייַך מיט מיקישען. ער האָט צעעפנט דאָס מויל, זיך פאַרגעסן אָן דער גאַנצער מייַסע און געקוקט אַראָפּ.

פלוצלינג האָבן זיך אַלע אַזש אַוואָרף געטון פון שרעק אַף צוריק. וואַסקאַ האָט עפּעס ניט מיט זייַן קאָל אַ געשריי געטון און איז אָפּגעשפּרונגען פון דעם לעכל אין אַ זייַט. זייַן שרעק איז געווען, ווייַזט אויס, אַזוי גרויס, אַז ער האָט פאַרגעסן, ווו ער שטייט און איז איבער דעם אָפּגע-שפּרונגען ביזן סאַמע ברעג פון שוועל. דאָ האָט ער זיך אַ וואַקל־געטון און אַ מאַך געטון מיט די הענט, אַזוי ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, און... איז געפאַלן מיטן פּאָנים און מיטן גאַנצן קערפּער אַף דער וואַנט.

זאַדיאָראַ האָט זיך אײַנגאַנצן אָנגעהויבן טרייסלען און צו זייַן גרויסן ווונדער האָבן באַ אים די ציין אַליין פון זיך גענומען גיך־גיך קלאַפּן. אַזוי קלאַפּן קענען זיי נאָר, אַז מע באָדט זיך לאַנג־לאַנג אין קאַלטער וואַסער און מע קריכט אַרויס אַפן ווינט. ער האָט פאַרזשמורעט מיט די אויגן און מיט צעקרימטע פינגער פון ביידע הענט גענו־מען שאַרן לעבן זיך.

אָבער באַלד האָט ער צוריק געעפנט די אויגן.

וואַסקאַ האָט זיך מיטן גאַנצן קערפּער צוגעטוליעט צו דער וואַנט און איז געשטאַנען גלאַט אַזוי, קוקנדיק צום לעכל. דערנאָך האָט ער פלוצלינג אַ כאַפּ געטון מיט די הענט גע־

שווינד דאָס שטריקל און גענומען קלעטערן אַרויף, אונטער־העלפנדיק זיך מיט די פיס און אליין געקוקט אַראָפּ. אין־מיטן האָט ער זיך ווײַטער אָפּגעשטעלט, געהאַנגען אַ מי־נוט און דערנאָך האָט ער פֿאַרזיכטיק זיך גענומען פּאַמע־לעך אַראָפּלאָזן אַף צוריק. די ייִנגלעך האָבן אַ קלער געַ־טון, אַז ס׳האָט זיך אים פֿאַרדרייט דער קאָפּ אָדער קײַן קויכעס האָבן ניט געסטײַעט.

— כעוורע! מע דאַרף אַרויסשלעפּן וואַסקען! — האָט אויסגעשריען זאַדיאָראַ און האָט שוין געוואָלט אָפּרוקן זיך פון יאַר, אָבער אין דער מינוט האָט וואַסקאַ אַ רוף געטון פונונטן:

— זאַדיאָראַ! בּרעך מיר אויס ערגעץ אַ גוטן שטעקן געשווינד! דאָ איז אַ שלאַנג פאַראַן! זי זיצט דאָ אין לעכל! זי האָט מיר שיר ניט אַ בּיס געטון! גיכער! בּרעך אויס אַ גראָבּן!

דערווײַל האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס מעסערל, האָט אים צעעפנט און גענומען אים אין דער רעכטער האַנט.

— וואַסיאַ! — האָט זאַדיאָראַ אַ רוף געטון, — דו בּינד זיך נאָר גוט אַרום אונטער די פּאַכוועס און האַלט זיך מיט די הענט, און מיר וועלן דיך בּאַלד אַרויסשלעפּן! דו הערסט?

— איך הער! בּרעך אויס אַ שטעקן און טו מיר אַ וואָרף אַהער! און שלעפּן מיך דאַרף מען ניט! נאָר גיכער!

אף וואָס האָט ער עס געדאַרפט דעם שטעקן? — זיך שלאָגן מיט דער שלאַנג? נעכײַ וואָלט ער אַנטלאָפן פון

דאָרט וואָס גיכער, פאַרכאַפּט האָבן זיי געמעגט ווערן — אי דער רובל, אי דער לעוואָלווערט, אי די שוואַרץ־ראַבע. אָט אַן אַקשן, אַז גאָט זאָל אָפּהיטן!

אָבער וואָס קען מען זיך מען מיט אים שוין דאָ שפּאָרן, דו ווייסט דאָך אים מיט גוואַלד ניט שלעפּן. — ער וועט גיכער אַראָפּשפּרינגען אַראָפּ, איידער זיך לאָזן אַרויסשלעפּן. מע האָט געמוזט אויסברעכן אַ שטעקן. אויב אַזוי, האָט מען אויסגעבראָכן גאַנצע דריי. זאַדיאָראַ האָט זיך אַנידערגע־לייגט איבערן ברעג יאַר, איבער סאַמע וואַסקעס קאָפּ און האָט אַראָפּגעלאָזט איבער אים דעם שטעקן. דער שטעקן האָט זיך אָבער אַ קלאַפּ געטון אָן דעם שוועל, זיך איבער־געקערט און איז גלייך אַראָפּגעפלויגן אין יאַר. ניט גיך האָט מען געהערט דעם קלאַפּ אָן דער ערד. ווײַזט אויס, אַז זאַדיאָראַ האָט אים אַראָפּגעלאָזט זייער נאָענט צו דער וואַנט. דעם אַנדערן שטעקן האָט ער שוין דערפאַר אַביסל אָפּגערוקט און אָפּגעלאָזט. דער שטעקן איז אַראָפּגעפאַלן וואַסקען אַף די פּלייצעס, און ווען ער זאָל אים געווען ניט אופכאַפּן, וואָלט דער־אָ שטעקן אויך געווען אַראָפּפאַלן אין יאַר.

— היי! — האָט וואַסקאַ אויסגעשריען, אַ פּרווו טוענדיק דאָס שטעקל אין האַנט. — נישקאָשע, אַ שווער שטעקעלע. באַם עך נאָך פאַרבויגט, אַבי איינמאָל נאָר אַ האַק טון איבער דער שלאַנג, וואָלט זי זיך שוין מער ניט געסיקעט בײַסן.

די ייִנגלעך האָבן געקלערט, אַז ער וועט באַלד נעמען און אַרויסטרײַבן מיטן שטעקן די שלאַנג פון דער נאָרע, אָבער וואַסקאַ האָט אַנשטאָט טרײַבן די שלאַנג זיך בע־סער אײַנגעאָרדנט לעבן וואַנט, האָט אופגעהויבן אין דער

רעכטער האַנט דעם שטעקן אַרויף און איז אַזוי פֿאַרגלי־
ווערט שטיין געבליבן. ווײַזט אויס, אַז ער האָט באַשלאָסן
זי דערהיטן און דענסטמאָל האַרגענען.

די ייִנגלעך האָבן דאָס לעכל ניט געזען, האָבן זיי דער־
פֿאַר נאָך שטאַרקער זיך אײַנגעגראָבן מיט די אויגן אינעם
שטעקן. טאָמער האָט זיך דער שטעקן כאָטש עטוואָס אַ
ריר געטון, האָבן זיי אַלע אויסגעצויגן די קעפּ, ווי די
גענדז און אָנגעשטרענגט געוואַרט.

סע זײַנען אָבער דורכגעגאַנגען צען מינוט, פֿופֿצן מי־
נוט, צוואַנציק מינוט, און די האַנט האָט אַלץ געסטיר־
טשעט מיטן אָנגעשטעלטן אופֿגעהויבענעם שטעקן און
נאָר פֿון מידקײַט פֿלעג זי זיך פֿון דער גרינג אַ וויג
טון.

עפּשער איז די שלאַנג ערגעץ דורך אַן אַנדער לעכל
אַנטלאָפֿן? אָדער זי האָט זיך אופֿגעדרייט דאָרטן באַ זיך
אין נאָרע און שלאָפֿט? ביזוואַנען־זשע איז דער שיר אַף
איר וואַרטן?

פֿון אָנהייבס האָבן די ייִנגלעך מוירע געהאַט זיך אַפּי־
לע אַ ריר טון. דערנאָך האָבן זיי גענומען זיך איבערשושקען
און לעסאָף האָבן זיי זיך הויך צערעדט אַף אַ קאָל. מיקי־
שען האָט זיך שוין געגלוסט עסן און פֿון דער זון האָט
אים ווײ געטון דער קאָפּ.

— וואַסיאַ!... וואַסקאַ! — האָט זאַדיאָראַ פֿאָרזיכטיק אַ
רוף געטון.

וואַסקאַ האָט זיך ניט גערירט. די ייִנגלעך האָבן זיך
דערשראָקן און זײַנען ווידער אַנשוויגן געוואָרן, נאָכ־
אַמאָל אָנשטרענגענדיק די אויגן אַפֿן שטעקן.

די זון האָט געבאַקט און געבּרענט גלײַך װאַסקען אין פּאָנים אַרײַן. בּאַ די ייִנגלעך זײַנען שױן די העלדזער גע־װען נאַס פֿון שװײס און צו דעם האָבּן זיך קלײנינקע פֿלי־געלעך געדרײט גאַנצע מאַכנעסװײַז איבּער זײערע קעפּ און פֿאַרקראָכן אין נאָז, אין אױער און אין מױל. די ייִנג־לעך פֿלעגן זיך אַרומװישן מיט די אַרבּל, אַרומגעטריבּן זיך פֿון די פֿליגן. אַזױ אָדער אַנדערש האָבּן זײ זיך אָן אײ־צע געגעבּן, אָבּער װאָס האָט נעבּעך געקענט טון װאַסקאַ? ער איז געשטאַנען אומבּאַװעגלעך װי אַ פֿאַרשטײנערטער, נאָר דאָס שטעקל האָט זיך אַלעמאָל װי אַראָפּגעלאָזט אַבּיסעלע נידעריקער און זיך װידער אופֿגעהױבּן.

מיקישאַ האָט זיך װײַטער געצומעװ שושקען. ס׳האָט זיך שױן אים געװאָלט אי עסן, אי שלאָפֿן, אי זיך בּאָדן. דרײַ האַנטװערקערניקעס האָבּן זיך אַ סוידע געטון צװישן זיך, האָבּן אָפּגעפּױזעט שטילינקערהײט פֿון בּרעג און מע איז אַװעק אַהײם. פּאָסמיטיוכאַ האָט זיך איבּערגעקאַטשעט אַף זײער אָרט און האָט אָנגעדעקט דעם קאָפּ מיט דעם היטל פֿון דער צװײטער זײַט.

— װאַסיאַ! — האָט זאַדיאָראַ שטילינקערהײט אַ רוף געטון.

װאַסקאַ האָט אַנשטאָט ענטפֿערן אַ הײבּ געטון זײַן מידן פֿון זון צעפּרעגלטן פּאָנים און האָט אים שװײַגנדיק אַ דראָע געטון מיטן שטעקן.

— אָט דער רױעך זאָל עס װיסן... — האָט זאַדיאָראַ אַ בּורטשע געטון.—בּיז װאַנען־זשע װעט ער עס דאָרטן שטײן?

מיקישאַ האָט מיט בּײדע הענט געצומען מיט קאַעס קראַצן זיך דעם האַלדז, דעם קאָפּ, די פּלײצע, זײַן

שלעפעריק, פול פעניםל מיט די קליינע אייגעלעך איז רויט געוואָרן און זיך צעפּרעגלט.

— נו, אַף מײַן וואָרט... — האָט ער אַ כאָמכע געטון. — אָט דאָס, ער... ווען־זשע וועט זי שוין אַרויסקריכן? עפּ־שער מאָרגן? און וואָס וועלן זיי, אָט אין... און די פליגן נאָך...

מיט איין וואָרט, די זאַך האָט זיך פאַרצויגן גאָט ווייסט אַף וויפל. וויכטיק איז דאָס, אַז, אינדערעמעסן, ווער וויס ווען ס׳וועט זיך פאַרוועלן דער שלאַנג אַרויסקריכן. און וואָס דאַרף זי דאָס טאַקע אומבאַדינגט אַרויסקריכן? זי וועט אַ קוק טון מיט איין אייגל, און וועט דערזען, אַז דער נעפּעש שטייט נאָך מיטן שטעקן, וועט זי זיך צוריק באַהאַלטן... דו וועסט זי דאָך ניט איבערוואַרטן.

—וואַסקאָ־אָ,—האָט מיקישאַ ווײַנענדיק אַ כאָמכע געטון,— קריך שוין אַרויס!...

דאָ האָט וואַסקאַ אַראָפּגעלאָזט די האַנט, האָט פאַריסן דעם קאָפּ אַרויף, און ט׳ניט שטאַרק הויך געזאָגט:

— גייט זיך אַהיים, אַף מיר וואַרט ניט. איך וועל ניט אַרויסקריכן, ביז איך וועל ניט דערלאַנגען דעם רובל. ער איז דאָרטן אין לעכל... און יאָ, זאַדיאָראַ, פאַרגײַ צו אונדז אַהיים און זאָג, אַז איך וועל נעכטיקן באַ דיר. דו הערסט?

און ער האָט שוין צוריק אופגעהויבן די האַנט מיטן שטעקן.

— ווי סע ווײַזט אויס, קלײַבט ער זיך בלײַבן נעכטיקן אַפן שוועל?! דאָס איז אַ פײַנע שטיקל אַרבעט!

זאַדיאָראַ, מיקישאַ און פאָסמיטיוכאַ האָבן זיך אָנגעהויבן שטילינקערהייט אײַצעגען, וואָס מע זאָל דאָ טון. איבערלאָזן

דאָ וואַסקען אַליין, אַזוי ווי ער זאָגט, איז, פאַרשטייט זיך, אינגאַנצן אומעגלעך. אָבער זיצן דאָ לעם יאַר, ניט געגעסענערהייט אַ גאַנצן טאָג, קען אויך ניט זיין. האָט מען טאַקע באַשלאָסן אָט ווי אַזוי. פּאָסמיטיוכאַ מיט מיקי־שען זאָלן גיין אַהיים, זיך אויסטאַרען עפּעס עסן און ברענ־גען אַהער. און זאַדיאָראַ זאָל זיצן דאָ און וואַרטן אַף זיי. זיי וועלן אַלע אָפּעסן און וועלן וואַסקען אויך אַראָפּלאָזן עסן מיטן שטריקל, אַף זיין שעדישן שוועל, נעבעך וואָלט ער זיך געוועזן פריער איינוואַלגערן.

מיקישאַ און פּאָסמיטיוכאַ זיינען מיט גרויס כיישעק איינגעגאַנגען אַף אַזאַ באַשלוס. זיי האָבן געשווינד אָפּגע־פויזעט פונעם יאַר. נאָך זיי זיינען אויך אַוועק די האַנט־ווערקער. און דאָ נעבן יאַר זיינען געבליבן נאָר וואַסקאַ אַפן שוועל און זאַדיאָראַ איבער אים.

— וואַסקאָ! מיקישאַ מיט פּאָסמיטיוכען זיינען אַוועק אין שטאָט און וועלן ברענגען אונדז עסן! דו הערסט, וואַסיאַ!

וואַסקאַ האָט זיך ניט אומגעקוקט, ער האָט נאָר אַ שאָקל געטון עטלעכע מאָל מיטן קאָפּ און איז ווייטער גע־בליבן שטיין. און זאַדיאָראַ האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַפן עלנבויגן און גענומען קוקן אַף דער שטאָט.

VII

ווען די זון האָט שוין אָנגעבאַקט זאַדיאָרען איין זײַט אַזוי, אַז ס׳האָט זיך געדוכט, אַז דאָס העמדל רויכערט זיך שוין אַף אים, האָט ער זיך איבערגעקערט אַף דער אַנדערער זײַט, פאַרדעקט מיט דעם היטל די צווייטע זײַט קאָפּ און איז ווײַטער געלעגן. פון מאָל צו מאָל פלעגט ער אָפּפויזען צו די קוסטיקעס און נעמען נישטערן צווישן זיי; דאָס האָט ער געזוכט פייגלשע נעסטעלעך. דאָרט פלעגט ער שוין ליגן אַביסעלע אין שאָטן און דערנאָך זיך אומקערן צוריק צום יאַר. וואַסקאַ איז אַלץ געשטאַנען מיט דעם שטעקן אָנגעשטעלט איבער דעם לעכל, ניט געביטן די פּאָזע, ניט גערירט זיך פון אָרט, ווי אַ פאַרשאָלטענער אַף אייביק אין אַזאַ מין פּאָזע. צי האָט אים ניט פאַרקישעפט אָט די שלאַנג? עפשער איז דאָס אַ מאַכשייפע, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ שלאַנג און האָט אים דאָרט עפעס צוגעטון? עפשער איז ער שוין דאָרטן ניט קיין לעבעדיקער?

ניין, דער שטעקן פלעגט זיך מינוטנווײַז עטוואָס באַוועגן און א ציטער טון באַ אים אין האַנט. אָפּט פלעגט זיך דער קאָפּ אַ דריי טון פריער אין איין זײַט, דערנאָך אין דער צווייטער.— ווײַזט אויס, אַז די פליגן זײַנען שוין צו אים אויך געקראָכן אין נאָז און אין די אויגן, און ער האָט

שוין מער קיין קויעך ניט געהאַט דאָס איבערצוטראָגן!
און די זון האָט, ווײַזט אויס, געבאַקט אַף אַן אויפן.

דערנאָך זײַנען אָנגעקומען צום יאָר כעוורע גימנאַזיסטן שפּילן אין קעגליעס, זאַדיאָרען איז געוואָרן ניט גוט קוקן אַראָפּ, האָט ער זיך אויסגעקערט מיטן פּאָנים צום הימל און האָט נאָכגעקוקט נאָך די וואָלקנס. ווי אַזוי טוט זיך עס אוף? אָט איז גאָר געווען אַ קליין וואָלקנדל, און וואָס ווײַטער ווערט ער אַלץ גרעסער און גרעסער און צעוואַקסט זיך אין פאַרשיידענע געשטאַלטן. דאָס ווערט ער ענלעך צו אַ גרײַז-גרויען זיידן מיט אַ קרוין אַפן קאָפּ, אין אַ לאַנגן באַלאַכאָן, שפּעטער—צו אַ גרויסער בעט מיט גוואַלדיק גרויסע קישנס. אײנמאָל איז ער אַפילע ענלעך געוואָרן אַף פּאָסמיטיוכען מיט זײַן נאָז ווי באַ אַן ענטל.

די גימנאַזיסטן האָבן פון אונטן מיט אַזאַ כיישעק געשריגן, געלאַכט און געטופּעט לויפנדיק מיט די פיס, אַז זאַדיאָראַ האָט מוירע געהאַט, וואַסקאַ זאָל כאָטש ניט אַ קוק טון אַראָפּ. אָבער וואַסקאַ איז געשטאַנען יוי אַ סטאַטוע. אָט אָן אַקשן אַז זאָל גאָט אויסהיטן און באַהיטן! נו־נו! ניט שוין־זשע וועט ער דאָרט אָפּשטיין די נאַכט אויך? און אַז ער וועט אַנשלאָפן ווערן און אַראָפּפאַלן! אָט אַ שעדישע שלאַנג, און זי איז דיר פאַרקראָכן אַזש אַהין! זאָל מען דאָס זי טאַקע ניט קענען אַרויסטרײַבן פון דאָרטן?

זאַדיאָראַ האָט גענומען קלערן, ווי אַזוי טרײַבט מען אַרויס די שלאַנג. אָבער ער האָט גאָרניט צוגעקלערט, וואָרעם ס'האָט זיך אים שרעקלעך געוואָלט עסן און די זון האָט אומראַכמאָנעסדיק געבאַקט. און מיקישאַ מיט

פּאָסמיטיוכען האָבן ערגעץ געקערט אָפּעסן און זײַנען זיך אַוועק, די כאַזיירים, צום טײַך זיך באָדן.

אין יאַר איז געוואָרן שטיל. ס'זײַנען זיך שוין אַפילע די גימנאַזיסטן צעגאַנגען, די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזן בײַדעריקער. וואַסקאַ האָט פּלוצלינג אַ מאַך געטון מיטן שטעקן, ווי אָנגעצילט זיך אַף אַ זעץ טון. אָבער ער איז ווי־דער צוריק פאַרגליוערט שטיין געבליבן.

— וואַסיאַ! —האָט זאַדיאָראַ אַ רוף געטון, —וואָס איז דאָרט?

וואַסקע האָט אַ דראָע געטון מיטן שטעקן. אָבער זאַ־דיאָרען האָט זיך אַזוי געגלוסט וויסן צוליב וואָס וואַסקאַ האָט זיך אַ ריר געטון, אַז ער האָט נאָכאַמאָל אויסגעשריען:

— עפּשער איז די שלאַנג אַרויסגעקראָכן?

וואַסקאַ האָט שווײַגנדיק אַ דריי געטון מיטן קאָפּ. אָט אַ פאַרשאָלטענע זאַך, נאָכאַמאָל אַנטלאָפן. זי זאָל כאָטש אַרויסקריכן אַביסעלע ווײַטער. ווײַזט אויס, אַז זי האָט נאָר די נאָז אַ שטעק געטון. פּלוצלינג האָט זאַדיאָרען אין קאָפּ אַ שווינדל געטון אַ זעלטענער געדאַנק.

— וואַסיאַ, הער נאָר, וואַסיאַ! דו ווייסט גאָר וואָס? נעם, וואַסיאַ, און רויכער זי אַרויס! דו ווייסט, ווי אַזוי? נעם צינד אָן נעבן דעם לעכל אַביסל טרוקענע גראָז צי אַ קיזיאַק און מאַך מיט דער האַנט אַזוי, אַז דער רויך זאָל גיין אַהינצו.

זאַדיאָראַ האָט זיך אַזש אופגעשטעלט אַף די קני פון אופרעגונג.

— פאַראַן בא דיר שוועבעלעך? ניטאָ? נו, איז באַ מיר דאָ. שטיי נאָר, וואַסקאַ, באַ דיר זײַנען דאָך קײַן קיזיאַקעס

אויך ניטאָ. איך וועל דיר באַלד אַראָפּלאָזן אי שוועבעלעך אי קיזיאַקעס. וואַרט נאָר, וואַסיאַ, אַטאָ באַלד. מיר וועלן זי, די היניטישע בעשאָמע אַרויסרויכערן פונדאַנען.

וואַסקאַ האָט ניט דערווידערט. צי זאַדיאָרעס געדאַנק איז אים אַזוי אונטערגעגאַנגען, צי ער האָט זיך שוין זייער פאַרמאַטערט, אָבער די האַנט מיטן שטעקן האָבן זיך באַ אים אַראָפּגעלאָזט. ער האָט זיך גענומען אַרומווישן דעם שווייס, זיך אָנגעקראַצט, און דערנאָך זיך אַנידערגעזעצט נעבן וואַנט, אָנהאַלטנדיק זיך מיט איין האַנט פאַרן שטריקל און מיט דער אַנדערער האָט ער פאַרדעקט דעם קאָפּ פון דער זון און פאַרזשמורעט די אויגן.

דערווייַל האָט זאַדיאָראַ אָנגעקליבן קיזיאַקעס צווישן די קוסטעס, אופגעלייגט זיי איינייִנעם און איַנגעפּאַקט די פושקעלע שוועבעלעך צווישן זיי און איז צוגעקראָכן צום ברעג יאַר.

— וואַסקאַ! הערסט? אַנו, בינד נאָר אָפּ פון זיך אַף אַ רעגע דאָס שטריקל. הערסט, וואַסקאַ?

וואַסקאַ האָט זיך גענומען פאָרען מיט דעם שטריקל, — הייסט עס, ער האָט געהערט.

זאַדיאָראַ האָט זיך פון אומגעדולד גענומען קראַצן ווו ס׳בייַסט אים ניט. ווי אַזוי איז דאָס אים צום אַלעם ערשטן ניט אַרוף אַפן געדאַנק זי אויסרויכערן פון דאָרטן?

און אַז וואַסקאַ האָט אַ הוקע געטון פון אינעווייניק, בעייס ס׳איז שוין געווען אַראָפּגעלאָזן דער קיזיאַק מיט די שוועבעלעך, „ס׳דאָ“ — איז זאַדיאָראַ געשווינד צוגע־לאָפן צום ברעג יאַר און עפּשער אַף האַלב זיך איבערגע־בויגן איבערן יאַר, קעדיי בעסער נאָכקוקן. און דאָס קוקן

אַראָפּ איז עפּעס שוין אויך ניט געווען אַזוי שרעקלעך וואָס איז דאָ די מוירע, אַז ס'איז אים אײַנגעפאַלן אַזאַ זעלטענער אופטו? אָט, ווען וואַסקאַ זאָל כאָטש אַלץ אופ־טון ווי סע דאַרף צו זײַן, דער רויך זאָל גיין גלײַך אין נאָרע אַרײַן.

— וואַסקאַ, דו ווייסט, לייג אַרײַן אַביסעלע טרוקענעם ווילד־גראָז אין סאַמע נאָרע אַרײַן, דו הערסט, וואַסקאַ?

וואַסקאַ האָט זיך נאָך אַמאָל אַרומגעוויקלט מיט דעם שטריקל. ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט און איז שוין דאָרט אומגעקראָכן אַסאַך זיכערער. דעם שטעקן האָט ער גענומען אין דער רעכטער האַנט און אַליין זיך צוגע־טוליעט מיט דער גאַנצער פּלייצע צו דער וואַנט, האָט ער מיט דער לינקער האַנט צוגעמאָסטעט דעם קיזיאַק מיטן הייפּל ווילד־גראָז צום לעכל. אין נאָרע אַרײַן האָט ער אויך אָנגעלייגט בוריאַן, אַז צווישן דעם גראָז זאָל אַזוי ווי דורך אַ קוימען גיין דער רויך גלײַך אין נאָרע אַרײַן. אַז ער האָט עס אונטערגעצונדן מיט אַן אָנגעגרייטן ווי־כעט גראָז, האָט ער גענומען טרײַבן דעם רויך מיטן פײַער אין לעכל אַרײַן. דער ווילדגראָז האָט פריילעך אָנגעהויבן קנאַקן, אַ פלאַם געטון, אַ לעק געטון דעם קיזיאַק. האָט דער קיזיאַק אָנגעהויבן רויכערן זיך. אַ שאַרפער, בײַסנדי־קער, געזאַלצנדלעכער רויך האָט מיט געדיכטע קנוילן זיך אַ הייב געטון אין דער הייך און דערגרייכט אַזש צו זאַ־דיאָרען. אויך איבער דער נאָרע האָט ער זיך גע־שפּרייט.

וואַסקאַ האָט זיך באַקוועמער גענומען צוגרייטן. ער האָט ווידעראַמאָל אופגעהויבן דעם שטעקן אַרוף, און

מיט דער לינקער האַנט האָט ער אַלץ ניט אופגעהערט פּאָכען אַפן רויך.

און פּלוצלינג האָט זאַדיאָראַ דערזען, ווי וואַסקעס שטעקן האָט אַ ציטער געטון. ער האָט זיך אופגעהויבן אַביסעלע אינדערהייך און איז מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן אַף עפּעס. און זיך נאָכאַמאָל אַ הייב געטון און אַ פאַל געטון. וואַסקאַ האָט שוין ניט מיט זײַן קויען געקלאַפּט איבער דער שלאַנג, אַז אַ שטויב האָט זיך אופגעהויבן און שטי־קעלעך געבּרענטער קיזיאַק איז מיטן רויך געפלויגן אַראָפּ אין יאַר אַרײַן.

אין דער מינוט האָט זיך פּונקט אַראָפּגעוויזן פּאָסמי־טיוכאַ. בּאַ אים אין די הענט איז עפּעס געווען פאַרוויקלט אין ווײַסן. פּאָסמיטיוכאַ איז עפּעס געווען אופגערעגט און האָט זיך געהאַלטן אין איין אומקוקן אַף עמעצן הינטער זיך, אָבּער מיקישען איז עס ווינציק אָנגעגאַנגען.

— נו, וואַסקאַ? נו, — האָט ער געשריען אַראָפּ און איז שיר־שיר אַליין ניט אַראָפּגעפלויגן אַהין. — דו האָסט דער־האַרגעט, וואַסקאַ?

— ועמען? וואָס? די שלאַנג? — האָט זיך פּאָסמיטיוכאַ אופגערעגט און האָט גיך זיך אַנידערגעלייגט מיטן בּויך אַף דער ערד און אַוועקגעפּויזעט צו זאַדיאָרען.

וואַסקאַ האָט אין דער מינוט אופגעהויבן די שלאַנג אַפן שטעקל און האָט אויסגעשריען:

— אָט! זעט!

זאַדיאָראַ האָט אַזש אָנגעהויבן קוויטשען פאַר פרייד און געכאַפּט קלאַפּן מיט די קולאַקעס פּאָסמיטיוכען אין פּלייצע.

— טיו, גייסטו צו אַלדע רוכעס! אָט אַ פלעכטל! איך וועל דיר באַלד, דוכט זיך, געבן...

— וואַסקאַ! וואַרף זי אַראָפּ פונוונטן! וואַרף אַראָפּ, ווייסט, אין יאַר אַריַין, מיר וועלן זי דאָרט געפינען. וואַרף, וואַסקאַ!

וואַסקאַ האָט ווי זיך ניט געקענט שיידן מיט דער שלאַנג און האָט זי נאָך צוגעהאַלטן אַביסל אַפן שטעקן. זי האָט אויסגעזעען פונדערווייַטן ווי אַ געפלאָכטענער אַראָפּ־ניק, — דערנאָך האָט ער פון דער גרינג אַ וואָרף אונטער געטון, די שלאַנג האָט מיט דער ליסקע אַ בלישטשע געטון קעגן דער זון און איז געפלויגן צום גרונט.

דענסטמאָל האָט וואַסקאַ ערשט אָפּגעשאַרט מיטן שטעקן דעם אָפּגעסמאַלעטן קיזיאַק פון לעכל. ער האָט פאַרקאַ־טשעט דעם אַרבל, אַריַינגערוקט די האַנט אין נאָרע אַריַין און גלייַך האָט זייַן פּאָנים אַ שייַן געטון און זיך צע־שמייכלט מיט זייַנע ווייַסע ציין. ער האָט אַרויסגענומען די האַנט, גענומען דעם קערבל אין די פינגער און אַ הייב געטון אין דער הייך צו זיי...

— הע־הע! — האָט ער אויסגעשריען און אַ טרייסל גע־טון מיט דער האַנט.

זאַדיאָראַ האָט ווייַטער געכאַפּט קוויטשען, און פון גרויס צופרידנקייַט זיך אַרופגעכאַפּט אַף פּאָסמיטיוכען רייַטנדיק און גענומען העפּען איבער אים.

— אַך, דו! זאַדיאָרישטשע! גייסטו צו אַלדע שוואַרץ־יאַר. מיר וועלן דאָך נאָך ביידע אַראָפּפאַלן אין יאַר אַריַין!

זאַדיאָראַ האָט זיך אַ לאָז געטון צום יאַר.

— וואַסקאַ! וואַרט, מיר וועלן דיך...

ער האָט אָבער שוין ניט דערעדט: וואַסקאַ האָט שוין געקלעטערט מיט די הענט, זיך אונטערגעשטופּט מיט די פיס און אַזוי ווי איבער אַ סלופּ האָט ער זיך געשווינד אַרופגערוקט אַרוף. נו, ניט אומזיסט האָט ער געהאַט אַ „פינף“ פאַר גימנאַסטיקע, און פאַר „אופירונג“ — אַ דריי.

און אַזוי ווי ער האָט זיך נאָר באַוויזן אינדערהייך, האָט דאָ זאַדיאָראַ און אַפילע פּאָסמיטיוכאַ אים געכאַפּט פאַר די הענט און אַרויסגעשלעפּט פונויבן. וואַסקאַ האָט ליגנדיק זיך אָפּגעקייקלט אַביסל ווייטער פונעם יאַר און אַרויסגענומען פון קעשענע דעם רובל. דאָס פּאָנים האָט אים געשיינט, די אויגן האָבן געבלישטשעט; ס'האָט אויך געשיינט און געבלישטשעט דער קערבל. און אינ״ינעם מיט זיי האָט געשיינט זאַדיאָראַ.

— נו, וואָס, פּאָסמיטיוכאַ, — האָט זיך אָנגענומען זאַדיאָראַ באַ די זייטן. — פּאַרפּאַלן דיינע שוואַרץ־ראַבע? האַ? פּאַרפּאַלן? נו, וואָס? אַהאַ! און מיר האָבן טאַקע אַרויסבאַקומען דעם קערבל! נו, וואָס? אַ מיצווע אף דיר!

VIII

פּאָסמיטיוכאַ האָט אומגעדולדיק אַ טופּע געטון אַף זאַדיאָרען מיטן פוס און זיך מיט אַ מינע פון זייער אַ פאַרנומענעם מענטשן בייז אָפּגערופן:

— נו, טשעפּע זיך אָפּ! דאָ האָט זיך אַן אומגליק געטראָפן, און דו קריכסט מיט דײַן קערבל. באַ מיקישען האָט מען אַראָפּגענומען די היטל.

זאַדיאָראַ האָט גלײַך אופגעהערט לאַכן, און וואַסקאַ האָט זיך אַ קער געטון צו פּאָסמיטיוכען און זיך אַזש צוגעזעצט.

— ווער? ווען?

— אָט ערשט.

אין דער רעגע האָט זיך פון צווישן די קוסטיקעס דערהערט אַ געוויין,—דאָס האָט געוויינט מיקישאַ. ער איז אַרויסגעקראָכן פון אונטערן קוסט און זיך אַנידערגעשטעלט אַף אַ פּאָר שפּאַן פאַר זאַדיאָרען. זײַן ראָז העמדל איז געווען צעריסן באַ אים אַף די פּלייצעס. דער קאָפּ אָן דער היטל. די געלע האָר מיט ווײַסינקע עקעלעך האָבן געסטירטשעט אין אַלע זײַטן און איבער די פּרלינקע, אָפּגעבראָטענע בעקעלעך האָבן זיך טרערן ברייט־

לעך געקײַקלט און פֿאַרלאָפֿן גלײַך אין מויל אַרײַן. מיקישאַ האָט אָפּגעלעקט די טרערן מיט דער צונג, ווי־דער אַמאָל געקרימט די ליפּן און שטילינקערהײט ביטער געוויינט.

די מײַסע דערפֿון איז אַזוי געווען: פּאָסמיטיוכאַ מיט מיקישען האָבן זיך אָפּגעגעסן אינדערהיים וואַרמעס, און מע האָט זיך אויסגעסטאַרעט ברויט, טאַראַן, אַ גרינע ציבעלע און מע איז אַוועק צוריק צום באַרג. נו, גוט, גייט מען זיך.

— אָבער געגאַנגען זײַנען מיר ניט דורך סאַדאָווער, נאָר דורך די גערטנער, נו, איז גאָרניט, גייט מען זיך. און דאָרטן באַ שעווטשוקן וואַקסן אַזעלכע זעלטענע אַג־רעסן און פּונקט הינטערן סאַמע פּלויט, אַזוי אַז מע זעט זיי דורך אַלע שפּעלטיקלעך. נו, דער שוואַרצער יאָר ווייסט עס. מע האָט קיינעם ניט געזעען. איז מען אַרײַנגע־קראָכן; מע האָט ניט באַוויזן צוקומען צום ביימל און, פֿון וואַנען, פֿון וואָס, האָט פּלוצים אַהער אָנגעטראָגן שעוו־טשוקן אַליין. די וועסטל איז אַף אים צעשפּיליעט, און אין די הענט האַלט ער אַ געזונטן שטעקן. און אַז ער האָט אַ כאַפּ געטון מיקישען פֿאַרן האַלדז און אים אַ הייב געטון אַף אַן אַרשין פֿון דער ערד, האָט ער אים צעריסן די העמדל אף דער פּלייצע פֿון אויבן ביז אַראָפּ.

דאָ האָט שוין מיקישאַ זיך צעוויינט גאַנץ הויך און גע־נומען אָפּלעקן די ליפּן. נו, דערנאָך האָט אָט די צורע אַראָפּגעריסן באַ מיקישען די היטל און מיקישען אַליין אַריבערגעוואָרפֿן איבערן פּלויט און אים שיר ניט דער־האַרגעט.

מיקישאַ האָט זיך ווײַטער צעוויינט אַף אַ קאָל. נאָר מיטן אַרבעל האָט ער שוין די טרערן ניט געווישט, ווײַל פון טרערן קריכט זייער אָפּ דאָס העמדל.

פּאָסמיטיוכאַ אַליין האָט נאָך באַוויזן אַנטלויפן, אָבער ווי אַזוי וועט איצט מיקישאַ גיין אַהיים אָן דער היטל? די היטל איז נאָך אינגאַנצן אַ נײַע, נאָר־וואָס אַף יאָנטעוו געקויפט; די מאַמע וועט דאָך אים פּאַר אַזעלכס האַרגע־נען צום טויט.

דאָ האָט שוין מיקישאַ זיך אַנידערגעזעצט אַף דער ערד, צוגעפאַלן מיטן פּאָנים צום גראָז און זיך אַזוי צע־וויינט, אַז זאַדיאָראַ האָט זיך אינגאַנצן אופגעקרימט, גע־נומען זיפצן, אומרויִק זיך איבערשטעלן פון איין פוס אַף דער צווייטער, און אָט־אָט צעוויינט ער זיך.

וואַסקאַ האָט אופגעצויגן אין אַ בײַוועלע די ליפּן, האָט אָפּגעשטעלט מיטן פינגער די גאָטס־בעהיימעלע, וואָס איז געקראָכן אַרום, און האָט פּאַוואָלי אַ פרעג געטון:

— איז וויפל... האָט זי... וויפל האָט געקאָסט די היטל?

— מיקישאַ האָט געזאָגט, אַז פינף און נײַנציק קאָפּי־קעס. ריכטיק, מיקישאַ?

מיקישאַ איז אַף אַ רעגע שטיל געוואָרן, האָט זיך אופ־גענומען מיט אַלע קויכעס און פאַרשטיקט פון גראָז זיך אָנגערופן:

— רי־יכטיק...

און ווײַטער גענומען וויינען.

וואַסקאַ האָט אַ רייץ געטון מיטן פינגער גאָטס־בעהיי־מעלע, דערנאָך האָט ער זיך פּאַמעלעך אופגעהויבן און ניט קוקנדיק אין קיינעמס זײַט זיך אָנגערופן:

— נו, קומט...
— ווהין?
— צו אים, צו שעווטשוקן, זאָל ער אָפּגעבן די היטל.
— נו, יאָ, אָטאָ באַלד וועט ער דיר אָפּשטעקן. אָהאָ! פּונקט אַזאַ דימענט.
— וועלן מיר אים דאָך באַצאָלן...
און וואַסקאַ האָט באַוויזן דעם רובל.
— נו, אויב אַזוי... טאָ שטיי אויף, מיקישאַ! גענוג דיר וויינען, די היטל וועט זײַן.
מיקישאַ איז פֿאַוואָלינקע אופגעשטאַנען. די טרערן האָבן זיך צעשמירט איבערן גאַנצן פּאָנים און ס'האָבן זיך אַף אים אָנגעקלעפּט שטיקעלעך ערד. נו, אויב ס'וועט שוין זײַן די היטל, מעג מען שוין זיך מיט דער העמדל אויך אָפּווישן. מיקישאַ האָט אָנגעצויגן איין אַרבל אַפן קו־לאַק און מיט אים אַ וויש געטון איבערן פּאָנים. דערנאָך מיטן אַנדערן. אָפּגעלעקט די איבערגעבליבענע טרערן, אַ זיפּ געטון מיט דער נאָז און איז אַוועק נאָך די כאַ־ווײַרים.
שעווטשוק איז טאַקע ווירקלעך געגאַנגען אין אַ צע־שפּיליעט וועסטל. ער איז געזעסן אַפן פּריזבע און עפּעס געשניצט מיט אַ האַלב קײַלעכיקן שנײַד־מעסער, ווײַזט אויס, אַז ס'איז אַ גאָרטן־מעסער געווען. לעבן אים איז געלעגן אַ געלינקער היבטל מיט גרוילעכע עק־און־אויערן, און פון גרויס אַלטקײַט האָבן זיך באַ אים אַרויסגעזען די ציין. ווען די יינגלעך זײַנען אַרײַן אין הויף, האָט ער זיך נאָר אופגעהויבן, אַ פּאָר מאָל אַ כריפּע געטון און זיך

ווידער אַנידערגעלייגט לעבן סאַמע באַלעבאָס, פּיס. אַפן פּריזבע איז געלעגן מיקישעס נײַינקע היטל.

שעווטשוק האָט אַ קוק געטון אַף וואַסקען פון אונטער זײַנע גרויע, שטרענגע, צעקאָשמעטע ברעמען, אַזוי ווי פון צווישן קוסטעס וואָלט ער אַרויסגעקוקט:

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן? שטילער „דאַמקאַ“, אַף אַן אָרט!

דאַמקאַ האָט אַפילע ניט געקלערט בילן, און איז אַליין געזעסן אַף איין אָרט, ישעווטשוק איז, ווײַזט אויס, שוין פון לאַנג געוויינט געוועזן אַזוי זיך צו איר אָפּרופן.

וואַסקאַ האָט אַרויסגענומען דעם קערבל פון קעשענע, אים געדרייט אין די הענט און זיך אָפּגערופן מיט אַ אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ:

— איר האָט אַראָפּגעריסן אָט די־אָ היטל בּאַ אַ ייִנגל?

—נו, טאָ איז וואָס?

— טאָ גיט אָפּ, אָט איז דאָ געלט.

און וואַסקאַ, ניט קוקנדיק אינעם אַלטנס זײַט, דערלאַנגט אים דעם נײַינקן קערבל.

דער אַלטער שעווטשוק האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן און זיך אָנגערופן:

— שטיל, „דאַמקאַ“ — און דו ביסט אים וואָס, עפּשער אַן עלטערער ברודער?

— ניין, אַזוי... אַ כאַווער.

— אַווו־זשע האָסטו גענומען געלט?

— איַ... גיט אָפּ, זיידע...

— טאָ זאָג, ווו האָסטו גענומען געלט, וועל איך דיר אָפּגעבן. עפּשער האָסטו ערגעץ עמעצן באַגאַנוועט?

וואַסקאַ האָט שטרענג אַ קוק געטון אַפּן אַלטן, דער־נאָך האָט ער אַ פּיר געטון די אויגן אַף דער וועסטל מיט די געלע, קופּערנע קײַקעלעך ווי די ציגײַנערשע קנעפּ און זיך אָנגערופן מיט זײַן באַס:

— די באַבע האָט אַף יאָנטעוו געגעבן אַ מאַטאָנע.

— כמ... אַזוי...—האָט דער אַלטער אַ מורמל געטון און זיך דערווײַל פּאַרגעסן זאָגן: שטיל, „דאַמקאַ". אַזאַ מין געשיכטע, הייסט עס... ווילסטו, הייסט עס, אויסקויפן.

וואַסקאַ האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און גענומען קוקן אַף „דאַמקען". באַ איר זײַנען פון די אויגן געגאַנגען סימאָנים איבער דעם קין אַזש ביז די ציין פון זקיינישע טרערן.

— פײַן, פײַן... און ווי אַזוי רופט מען דיך?

— וואַסקאַ.

דער אַלטער האָט אַראָפּגענומען פון פּריזבע די היטל, האָט זי אַ רײַב געטון מיט זײַן אַרבל פון העמד און האָט זי דערלאַנגט וואַסקען.

— נו, וואַסקאַ, נעם־זשע די היטל און אַנטלויפט וואָס גיכער, אַניט וועל איך אַף אײַך אָנרייצן די הינט. שטי־לער, „דאַמקאַ"! און מער זאָל איך אײַך לעם די אַגרעסן דאָ ניט זען. און די געלט באַהאַלט אין קעשענע. נו, מיט דער רעכטער פוס, מאַרש! אַף אַן אָרט, „דאַמקאַ"!

וואַסקאַ האָט גענומען די היטל, איז נאָך געשטאַנען אַ רעגע, געזאָגט שטילערהייט „אַ דאַנק" און איז פּאַמעלעך אַוועק צוריק פון הויף.

— אַדאַנק, זיידע! מיר וועלן שוין מער באַ אײַך ניט גאַנווענען קײַן אַגרעסן!—האָט זאַדיאָראַ זיך קליגנדיק

אָנגערופן און, אומקוקנדיק זיך אַף „דאַמקען“, האָט ער צוגעגעבן:

— אַף אַן אָרט, „דאַמקאַ“!

דאַמקאַ האָט זיך ניט גערירט, און דער אַלטער זיידע שעווטשוק האָט נאָכגעקוקט די קינדער פון אונטער זײַנע לאַנגע ברעמען ווי פון אונטער אַ שטרויענער סטריכע. און אין זײַנע אַלטע אויגן האָבן אָפּגעגלאַנצט צי די זון, צי אַ שמייכל אַזאַ. דאָס האָט שוין „דאַמקאַ“ ניט געקענט אונטערשיידן, ווארעם זי האָט שלעכט געזעען.

און אַז וואַסקאַ איז אינאָוונט געקומען אַהיים, און מע האָט אים געפרעגט: „און דעם רובל האָסטו שוין פאַרטאַכלעוועט?“ — האָט ער אים אַרויסגענומען פון קעשענע, צוגעטוליעט צו דער באַק און זיך אָנידערגעזעצט זייער נאָענט לעבן דער באָבוניו. פון דער באַבע האָט נאָך אַלץ געשמעקט מיטן זעלבן קאָרנעם ברויט, מיט שײַער און מיט ברייטן זוניקן סטעפּ.

B 37[illegible]4